בס"ד


**געדאנקען:**
פורים תשפ"ד
ביים ראש ישיבה

**אלץ און אלעמען:**
וואס איז ראבער
און וויאזוי מאכט
מען עס

**ישועות אשר בנחל:**
געהאלפן געווארן
מיט א שידוך


# קרית ברסלב בלעטל


פרשת שמיני תשפ"ד • שנה ה' • #216




# ביים ראש ישיבה אין כתה

א שפאציר אריין אינעם
כיתה פונעם ראש
ישיבה אין יאר תשס"ה
// פארציילט דורך א
געטרייער תלמיד
**מו"ה יחזקאל סאמעט**
**שליט"א** - וואס איז
היינט אליין א מלמד
אין תלמוד תורה
קרית ברסלב

# קביעות מזוזה

ביים נייעם הצלה גאראדזש אין קרית ברסלב ליבערטי


מו"ה יודל פייג הי"ו


מו"ץ דקהילתינו שליט"א


ראש ישיבה שליט"א


**בריוו**
דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע
5


**שטעטל נייעס**
קביעות מזוזה ביים נייעם הצלה גאראדזש
6


**געדאנקען**
פורים תשפ"ד ביים ראש ישיבה
8


**ביים ר"י אין כיתה**
א שמועס מיט מו"ה יחזקאל סאמעט שליט"א
32


**מיט א טיפערן בליק**
א צובראכענע פערשוט
26


**בילדער**
בילדער פון ארום היכל הקודש איבער די גאנצע וועלט
46


# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
שמיני כ"ז אדר-ב תשפ"ד

הדלקת הנרות ........07:11
מוצאי שבת ..........08:43

מנחה מעריב תזריע.... 08:25

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 05 | 40°/31° | Cloudy |
| Sat 06 | 43°/30° | Cloudy |
| Sun 07 | 51°/32° | Mostly Sunny |
| Mon 08 | 56°/34° | Mostly Sunny |
| Tue 09 | 60°/40° | Partly Cloudy |
| Wed 10 | 61°/47° | PM Showers |
| Thu 11 | 58°/46° | Showers |
| Fri 12 | 57°/42° | Showers |


געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג
די וועטער" וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א


# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער

**ראש ישיבה שליט"א**
**וזוגתו תחי'**
**צו די אפשערן פון הילד יחזקאל נ"י למזל טוב**

דער ראש ישיבה גיבט זיך אוועק פאר אונז טאג און נאכט, פאר יעדן באזונדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט, און קענען ווייטער האבן די כוחות צו אריינברענגען די אמונה אין די וועלט א גאנץ לעבן.



# הָעֲשִׂירִי יִהְיֶה קֹּדֶשׁ!

ברוך ה׳ מיר האלטן
שוין ביים צענטן חלק.

האט איר נאכנישט
גענומען א חלק אינעם
ספר עצתו אמונה?
**יעצט איז די צייט!**

**מ׳קען שוין קויפן א זכות אין ספר עצתו אמונה חלק י׳**

**$500**




**מיט׳ן קויפן א זכות אינעם ספר האט איר א חלק אין די טויזנטער בריוון פונעם ראש ישיבה שליט״א וואס ווערן פארשפרייט אין די גאנצע וועלט!**

דאס געלט זאל מען איבערגעבן פאר׳ן
ראש ישיבה שליט״א אין אן ענוועלאופ,
אויפגעשריבן דערויף ׳עצתו אמונה חלק י׳

פאר קרעדיט קארד קען מען זיך ווענדן צו
מוה״ר **ישעי׳ איידליס** הי״ו **347.831.1391**

# ער האט
# מרור ברוח



## ער דארף
## אביסל פסח
## און מצה

העלף אים מאכן סדר

**גאנץ יו״ט $1800** | **ליל הסדר $360** | **סעודת יו״ט $180**

רופט אריין מיט אייער נדבה
און זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

aimcreatives.co



בריוו צו די

# רעדאקציע

## די חתונה איז דארט, אבער דער חתן איז דא

ביים שמועס פון חמין במוצאי שבת פון ארי מיט יענקי אויף קול ברסלב מוצאי שבת צו, האט ר' אהרן וועבערמאן הי"ו גערעדט איבערן הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע וואס זיין יארצייט איז געווען פארגאנגענעם זונטאג שמיני, האט ער דארט פארציילט אז מוהרא"ש איז איין יאר געזיצן און געפראוועט א סעודה ביום ההילולא.

עס איז דאן אויך אויסגעקומען די סיום הש"ס פונעם דף וואס מען לערנט יעדן טאג צוזאמען, עס זענען געפראוועט געווארן אין אסאך פלעצער די גרויסארטיגע סיום, אויך איז געווען גאר א גרויסע סיום אין איינע פון די ריזיגע זאלן דא אין אמעריקע, האט מוהרא"ש דאן געזאגט "די חתונה קומט טאקע פאר דארט אין יענעם זאל, אבער דער חתן איז דא". און מוהרא"ש האט געפרעגט אפאר אינגעלייט דארט "האסט אים געזען, האסט אים געזען?"

ר' אהרן האט נישט געדענקט וועלכע יאר דאס איז געווען, איך האב געזוכט די אינפארמאציע דערפון וועלכע יאר דאס איז געווען און געטראפן ברוך השם, עס איז געווען די עלפטע
סיום הש"ס אין יאר
תשס"ה, דא
האט



איר די סדר.

1) חמשה עשר בשבט תרצ"א.

2) כ"ח סיון תרצ"ח.

3) י"ד כסלו תש"ו.

4) כ"ח ניסן תשי"ג.

5) י"ג אלול תש"כ.

6) כ"ח טבת תשכ"ח.

7) י"ד תמוז תשל"ה.

8) ה' כסלו תשמ"ג.

9) ראש חודש אייר תש"ן.

10) כ"ו אלול תשנ"ז.

11) כ' אדר א' תשס"ה.

12) י"ג אב תשע"ב

13) ד' טבת תש"פ

א שטענדיגע צוהערער פון די חמין און שטענדיגע ליינער פונעם בלעטל.

# שטעטל נייעס

## קביעות מזוזה ביים נייעם הצלה גאראדזש



גאר א שיינע קביעות מזוזה צוזאמען מיט א מסיבות לחיים איז פארגעקומען ביים נייעם הצלה גאראדזש אין קרית ברסלב ליבערטי, פארגאנגענעם דאנערשטאג צו, בראש פונעם ראש ישיבה שליט"א אינעם דיין שליט"א.

שוין א לאנגע צייט וואס מען האט געטראכט פון האבן א הצלה גאראדזש נענטער צום שטעטל, איז עס אבער נישט צושטאנד געקומען, לעצטנס האט דער חשובער הצלה וואלונטיר מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו געזאגט אז ער איז גרייט אוועקצוגעבן זיין פלאץ אויפן ראוד 52 וואס איז גוט פארן גאנצן שטעטל.

ברוך השם ווי מען האלט יעצט האט מען שוין אהערגעשטעלט דעם פלאץ, עס זאל קענען ווערן אין באניץ, און יעצט איז געקומען די צייט צו פראווען א לחיים.

עס האבן אנטיילן גענומען אלע חשובע מעמבערס פון שטעטל, ובראש פון מו"ה יודל פייג הי"ו וואס פירט אן חברה הצלה ד'קעטסקילס.

דער ראש ישיבה האט געקלאפט מזוזה, דערנאך האט מו"ה יודל פייג הי"ו ארויפגעלייגט א מזוזה, אויך האט דער דיין שליט"א ארויפגעלייגט א מזוזה.

דערנאך האט מען געמאכט א לחיים, און דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט אפאר ווערטער, דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן: פותחין בכבוד האכסניא - דער געטרייער הצלה וואלונטיר מו"ה אברהם יושע וועבערמאן וואס האט אוועקגעגעבן זיין פלאץ כדי צו קענען אוועקשטעלן די הצלה גאראדזש.

באזונדער האט זיך דער ראש ישיבה גאר שיין באדאנקט פארן קאארדינעיטער מו"ה יודל פייג הי"ו ארויסברענגענדיג אז ווילאנג מען דארף נישט אנקומען צו חברה הצלה קוקט מען זיי אן ווי זיי דארפן נאר לייטס און סיירינס, מען כאפט נישט אז זיי שטייען אויף און לויפן באמת אינמיטן די נאכט העלפן א צווייטן איד.

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט וואס ר' יודל האט אים פערזענליך געזאגט אז ער איז גאר שטארק צופרידן די פון די ברסלב'ע מעמבערס, זיי זענען אינגעלייגט מיט שכל, בעלי דעת, זיי ווייסן וואס יא צו רעדן און וואס נישט צו רעדן, זיי ווייסן וויאזוי זיך אויפצופירן מיט דרך ארץ.

מוהרא"ש פלעגט זאגן ס'איז דא דיינים, ראשי ישיבות, כולל אינגעלייט, מלמדים, אלעס איז זייער וויכטיג, אבער משיח וועט קומען אין זכות פון הצלה, מען דארף אלעס האבן, אבער איינער וואס לויפט ארויס ראטעווען א צווייטן איד דאס די גרעסטע זאך, אין זכות פון חסד וועט משיח קומען.

שפעטער האט מו"ה יודל פייג הי"ו גערעדט אפאר ווערטער ארויסברענגענדיג ווי שטארק עס וועט ארויסהעלפן דאס אז ס'איז דא א הצלה גאראדזש נענטער צום שטעטל, וואס יעדע מינוט נענטער מאכט עס כדי צו קענען ראטעווען לעבנ'ס.

אויך האט ער ארויסגעברענגט לשבח פונעם בית המדרש אין שטעטל, וואס מען זעט אינגעלייט פירן זיך אויף אזוי דרך ארץ'דיג, מען דאווענט און מען לערנט, ובפרט האט ער ארויסגעברענגט לשבח פונעם מנין שחרית דורכן דיין שליט"א וואס איז גאר א געשמאקער דאווענען, קיינער רעדט נישט ביים דאווענען.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל דאס נאר דארפן ניצן אויף שמחות.

**מיט חסד וועט מען ארויסגיין פון גלות.**

גרשון קרעמער



## וואס איז ראבער, און וויאזוי מאכט מען עס?

טאג טעגליך באגעגענען מיר ראבער אין אומצאליגע פראדוקטן. יעדע קאר, טראק, ביציקל, אדער פליגער, פארמאגט ראבערנע רעדער, זייענדיג די מערסט פאסיגע מאטריאל וואס איז סיי בויגזאם, שטארק, לאזט נישט דורך קיין לופט און וואסער, און קען זיך גוט אנכאפן אינעם ראוד. אזוי אויך ווערט שיך און סניקער זוילן רוב מאל געמאכט פון ראבער. פארמאגנדיג די איבנדערמאנטע מעלות, איז עס באקוועם און דויערהאפטיג איינצוזאפן די פילע שטיינער פון די וועגן. רוב קאמערציאלע פארנדיגע פאסיקס - קאנוועיר בעלטס (אזוי ווי מען זעט ביים רעדזשיסטער) וואס די פאבריקן זענען פול מיט זיי, ווערן געמאכט פון ראבער, זייענדיג שטארק און בויגזאם און נישט גליטשיג וואס זאל קענען פירן די פילע מאשינען און סופליי ליניעס פאר א לאנגע צייט.

איבעראל ווי מען וויל פארזיגלען האלטערס וועט מען געוועגליך לייגן א ראבער צווישן די דעקל און די קאנטעינער, זייענדיג א מאטריאל וואס לאזט זיך דרוקן און ווערן אויספארמירט פונקטליך לויט די פלאץ צווישן די צוויי, אן איבערלאזן קיין שום שפאלט, אז גארנישט זאל קענען אריין און ארויס.

אזוי אויך ווערן נאך פילע טאג טעגליכע זאכן געמאכט פון ראבער, ווי צום ביישפיל רייניגונגס הענטשיך, ראבער בענדס, מעקערס, און הענטלעך פאר פילע כלים ווערן איבערגעדעקט מיט א שיכט פון ראבער, בפרט טעפ וואס די ראבער לאזט נישט דורך די היץ, אבער לאזט זיך שטארק אנהאלטן אז דער טאפ זאל זיך נישט אראפ גליטשן.

עס איז דא וואס מיינען אז עס איז א שפיל צו ארויפלייגן די ראבער בענדס אויף די פינגער, מען ציעט עס אויס, מען האלט עס אן מיט איין פינגער, און מען לאזט עס אויס און עס פליעט צו א חבר און געבט אים א געזונטע פליק, דאס איז אבער בכלל נישט קיין שפיל, איינמאל וועט עס נישט געלונגען און זיי וועלן כאפן א געזונטע ציפ, אז מען וועט עס געדענקען. א מענטש מיינט ער האט א הפקר מויל, ער פליקט ער שטעכט, יעדער איז גארנישט קעגן אים, אויב וועט ער נישט תשובה טון, און זיך דערמאנען אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, וועט עס אים איין טאג אהיים קומען, און ער וועט כאפן אזא פליק, אז ער וועט עס געדענקען.

פון וואו קומט דער ראבער? פון וואס מאכט מען דאס? די ערשטע ראבער איז נאטורליכע ראבער וואס איז זאפט פונעם "ראבער בוים", וועלכע וואקסט אין די טראפישע ערטער אין די וועלט, ווי דער אמאזאן וואלד אין סאוט אמעריקע. מען שטעקט אריין שטרויען אין די ראבער ביימער און עס רינט ארויס דערפון א ווייסע פליסיגקייט ענדליך צו מילך וואס ווערט גערופן "לעטעקס", די זאפט רינט אריין אין שיסלעך וואס ווערן דערנאך צוזאם גענומען.

מען לייגט אריין אין די זאפט פארשידענע כעמיקאלן וואס טיילן אפ די ראבער חלקים פון די וואסער, דערנאך שפרייט מען עס אויס דין ווי עס ווערט "אויסגעוועלגערט" כדי אויסצוקוועטשן דערפון יעדע פייכטקייט, דערנאך דארף מען עס שטארק אנהייצן וואס דאס טוט עס שטארקן צו קענען אויסהאלטן די פילע וואלגערנישן וואס עס וועט דארפן דורכגיין ביים ווערן באנוצט.

דאן איז שוין דער ראבער מער וויניגער פארטיג, און דערפון קען מען שוין אנהייבן פראדוצירן די פילע סארטן זאכן. מען קען אויך מאכן ראבער סינטעטיש, בעיקר פון פעטראליום (נאטורליכע גאז), וואס גייט דורך פארשידנע פראצעדורן צו קענען ווערן ראבער.

ראבער האט א נאטור אז ער לאזט זיך ציען און עס ווערט צוריק צום פריערדיגן שטאפל. אבער אלעס האט א שיעור, אז דו וועסט עס צופיל ציען וועט זיך עס סוף כל סוף צורייסן. ווען א מענטש טרעפט א צדיק וואס ווייזט אים דעם וועג צום אייבערשטן, זיין נשמה הייבט אן ברענען און ער וויל נאר א גאנצן טאג לערנען און דאווענען, דארף מען אכטונג געבן עס זאל נישט זיין קיין רבוי אור, גיי נישט ווייטער ווי דו קענסט, פרעג אן ערליכער איד ווי שנעל דו זאלסט גיין, ווייל אויב דו וועסט איבערציען די שטריק קענסטו צוריק פאלן ערגער פון פריער.

## געדאנקען

# אין הארץ האבן די א בארג מיט טענות



ס'איז געווען ברוך השם מיין שענסטע פורים אין ריסנט היסטארי.

כ'האב געוואוסט אז פורים איז שיין, אבער כ'האב נישט געוואוסט אז פורים קען זיין אזוי שיין.

לאמיר גיין צושטייטעלער, פאוואליענקע.

מוצאי שבת קודש אום ניין אזייגער האמיר געהערט די הערליכע קריאת המגילה אין שטעטל פון דעם בעל קורא מומחה מו"ה אברהם הערש הי"ו, פול מיט טעם, פול מיט געשמאק. דערנאך זעמיר אהיים, זיך געוואשן בזריזות, און זיך ארויסגעלאזט אויף די צוויי שעה'דיגע רייזע צו הערן מארגן. ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אזוי זיס דעם "ומרדכי יושב בשער המלך" אזש ס'צוגיסט זיך א האניגקייט אין די ביינער. מ'באקומט פרישע כוחות צו גיין שמועסן אביסל מיט'ן אייבערשטן און אים דערציילן וואס דער קליינער המן אין מיין קעפעלע מאכט מיך כסדר פארגעסן פון דעם אייבערשטן, און טראכטן נאר פון געלט און תאוות.

די רייזע איז געווען צוויי שעה, פון צוועלף ביז צוויי, אויפ'ן וועג האמיר געמאכט חזרה אויף די סעקאנד דענס טרעקס פון די וואס פארשטייען בעסער און שפענדעווען יא עשרת אלפים ככר כסף אויף די מוזיק פון די חתונה פון דעם צוואנציג יעריגן "מעטשור" חתן וואס ווייסט נישט ווי אזוי מ'זאגט "איך דאנקן דעם אייבערשטן אז איך האב באקומען אזא טייערע ווייב ווי דו" (ער גייט נאך די מסורה, זיין טאטע זאל געזונט זיין זאגט עס אויך נישט).

פון א מוזיקאלישן שטאנדפונקט איז עס געווען הערליכע מוזיק........ לית מאן דפליג......

# משה ארי' שניצלער

אינדערפרי ביי די מגילה האב איך געזען אז ס'איז ווערד געווען יעדע מינוט פָארן אויפ'ן הייוועי' צו הערן אזא שיינע מגילה... ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה... מ'פרובירט צו טון וואס דער אייבערשטער הייסט... מעג עס הייסן יאנטשי, צו קראנטשי'.... מ'טוט נישט וואס מ'וויל, מ'טוט נישט וואס יעקיש פייוויש גרינצל שמעקט, מ'טוט וואס די ריכטיגע וועג איז, מעגן אלע שרייען "דיס איז נאנסענס" ביז נעכטן.

נאכ'ן לערנען אביסל חומש, משניות, גמרא, שולחן ערוך זענמיר געגאנגען עסן די סעודה. ס'איז געווען פיין לעבעדיג אויף פען סטריט. די בחורים אויף יענע מאביל האבן דוקא אנגעצינדן אויפ'ן העכסטן גראד די גאנצע ליסטע פון "נישט אזוי איי איי איי" ניגונים וואס דער מנהל האט זיי באשוואוירן נישט צו זינגען. זיי גייען ווייזן פארן מנהל ווער ס'איז בעל הבית פורים אויפ'ן גאס... נישט פארגעסן אז מ'רעדט פון מצוינים וואס לערנען דריי בלאט א יאר, ס'איז פשוט א שאד זיי זאלן זאגן גאנץ ששה סדרי משנה יעדן חודש (ס'נעמט א האלבע שעה א טאג, דוק ותשכח), זיי קענען מער אויפטון דורך קוועטשן דריי בלאט א יאר...

דערנאך זענמיר געגאנגען צום ראש ישיבה שליט"א. אונז זענמיר געזיצן דארט פון דריי ביז זיבן, ס'האט אויסגעזען ווי קוים פינף מינוט.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון תורה י' אין ליקוטי מוהר"ן, אז מ'קען נישט ארויס גיין פון תאוות נאר דורך התקרבות לצדיקים, האט דער ראש ישיבה געפרעגט יעדן איינעם, וואס מיינט התקרבות לצדיקים? נאנט! וואס מיינט נאנט?

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'קען זיין א פארפאלק, א מאן און ווייב, זאל זיצן ביי איין טיש, אבער זייערע הערצער זענען זייער ווייט, אין הארץ האבן זיי א בארג מיט טענות איינער אויפ'ן צווייטן. זיי זענען נאנט ווייל זיי זענען ביי איין טיש? אודאי נישט.

נו, וואס מיינט נאנט? וואס מיינט נאנט צו א צדיק? וואס מיינט התקרבות לצדיקים? וואס מיינט נאנט צום אייבערשטן?

רעד צום אייבערשטן! זיין נאנט צו א צדיק מיינט טו וואס דער צדיק הייסט! וואס הייסט דער צדיק? רעד צום אייבערשטן!

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט פון "ואני לא נקראתי לבא אל המלך זה שלושים יום", איך זע קלאר אז דער אייבערשטער דארף מיך נישט! איך בעט און בעט און ס'רוקט זיך נישט! וואס איז די עצה?

"ובכן אבא אל המלך אשר לא כדת", איך גיי רעדן צום אייבערשטן אפילו ס'מאכט נישט קיין טראפ סענס! איך טו דאס מייניגע! אפילו איך בעט שוין יארן און איך בין נישט ארויס פון מיינע תאוות, וועל איך ווייטער בעטן!

האט מען אריינגעפרעגט, אבער למעשה איז זייער שווער צו רעדן צום אייבערשטן אז מ'זעט אז מ'פועל'ט נישט, מ'טוט נישט אויף. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז רעדן צום אייבערשטן איז נישט נאר צו פועל'ן. אפילו א מענטש וואלט געוואוסט אז גארנישט וועט זיך נישט רוקן ביי אים ביז די לעצטע טאג ווען ער גייט אוועק פון די וועלט, זאל ער ווייטער רעדן צום אייבערשטן! דאס איז די העכסטע זאך וואס קען זיין. א מענטש וואס טוט דאס, ער איז ביים אייבערשטן! "גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד", דער וואס רעדט יעצט צום אייבערשטן, ער רירט יעצט אן דעם כסא הכבוד! ער איז ביים אייבערשטן! דאס מיינט נאנט.

אזוי ווי ביי שלום בית, אז מ'רעדט נישט פאר עטליכע טעג, זענען די מוחות דערוויטערט, די הויז איז חרוב, ביידע זיצן אין גיהנום, ביידע זיצן אין טונקל, ווי נאר מ'הייבט אן רעדן הארציגע דיבורים, ווערט לעכטיג פאר יעדן, מ'איז מודה אויף א פעלער, איך האב נישט גוט געטון, איך גיי עס פאררעכטן, יעצט איז שוין גוט פאר יעדן, די מויל איז די כח וואס ברענגט צוזאם די מוחות. די זעלבע ביים אייבערשטן, אז מ'רעדט נישט צום אייבערשטן איז מען אפגעריסן פון דעם אייבערשטן, דערוויטערט, מ'איז ברוגז אויפ'ן אייבערשטן, מ'האט טענות און תביעות, ס'קומט מיר דאס מיט יענס, יעדער איז מיר שולדיג, מ'טראכט אז דער אייבערשטער געבט פאר א צווייטן א בעסערע לעבן ווי פאר מיר.

עס איז נישט דא קיין עצה קעגן די מחשבות, נאר אז מ'רעדט צום אייבערשטן. און מ'קען נישט רעדן צום אייבערשטן נאר אז מ'האט א צדיק וואס דערמאנט עס יעדן טאג צו טון, ווייל דער יצר הרע איז זייער



# געדאנקען

גרויס, ער מאכט פארגעסן פון רעדן צום אייבערשטן, אלעס וועט ער לאזן, נאר נישט רעדן צום אייבערשטן.

האט דער ראש ישיבה געזאגט איך וויל נישט זאלסט דיך זען דא אין דרייסיג יאר ארום, שנת תתי"ד, ולמספרם 2054, און דו וועסט נאך אלץ זוכן הויכע ווערטער, אורות, עבודות, העכערקייט, טיפקייט, ס'איז א שאד! דאס איז נישט היכל הקודש, היכל הקודש איז איין זאך "רעד צום אייבערשטן".

האט דער ראש ישיבה ווייטער געזאגט, די חילוק צווישן מיר און דיר איז אז דו טראכטסט ס'איז דא עפעס בעסער ווי היכל הקודש, עפעס העכער, עפעס טיפער, עפעס הימלישער, דערהויבענער, אבער איך בין שוין געווען אין אלע טיפע השגות'דיגע פליעדיגע פלאקערדיגע פלעצער, אבער זאגן משניות און רעדן צום אייבערשטן איז עולה על הכל, אלע אנדערע זאכן איז הויל דמיון. און דער חידוש איז אז א מענטש קען זיך איינרעדן אז ער רעדט צום אייבערשטן, מ'דארף אסאך רעדן צום אייבערשטן אז מ'זאל זיך נישט נארן און מיינען אז ער רעדט שוין א גאנצן טאג צום אייבערשטן.

נאך פיר שעה שמועסן די הערליכע דיבורים פון "רעדן צום אייבערשטן" האט מען אנגעצינדן די מוזיק, די טענצעריי האט געהאט אלע טעמים, מ'האט אויפגעשפילט דעם ניגון "הייליגער באשעפער איך הייב אן פון יעצט, אפילו איך ווייס איך בין געווען נישט גוט, ווייס איך אז איך קען נאך אלץ זיין גוט, הייליגער באשעפער איך הייב אן פון יעצט" אין אלע זייטן האב איך געזען טייערע אינגעלייט און בחורים וויינען "איך וויל זיין א ערליכער איד". ס'איז געווען שמחת תורה מיט יום כיפור מיט פורים צונויפגעגאסן אז מ'האט געפילט א נייע חיות בלאזט אריין אין די נשמה, איך גיי שוין רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג!

שושן פורים נאך שחרית איז געווען א לחיים, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז פון אלע וואס זענען דא געקומען פורים און געבעטן א ברכה איז נישט געווען קיין איינער וואס האט געבעטן א ברכה אויף געלט... אלע האבן געוואלט איין זאך, א ברכה צו זיין א ערליכער איד, אביסל מער לערנען, אביסל בעסער דאווענען, אביסל שענער רעדן אינדערהיים.

זעקס אזייגער האט זיך אנגעהויבן די שושן פורים טיש. דער ראש ישיבה האט זיך געשטעלט אויף דעם דיבור וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן "שושן פורים איז אויך פורים".

ווייל רבי נתן האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג, מיט'ן חשבון צו זיין פורים ביים רבי'ן, אבער ער האט פארשפעטיגט, ער איז אנגעקומען שושן פורים, האט דער רבי געזאגט "שושן פורים איז אויך פורים". האט דער ראש ישיבה געזאגט דאס איז דעם רבינ'ס לימוד, האסט נישט פארשפעטיגט! קענסט אנהייבן פון יעצט! נישט דא אזא זאך פארשפעטיגט! ביסט יעצט געבוירן.

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז המן'ס זאך איז "וכל זה איננו שוה לי", וויפיל איך האב איז גארנישט ווערד, ביי א צדיק איז פארקערט. ס'איז געווען אמאל א ברסלב'ער חסיד וואס פלעגט זאגן, היינט האב איך געטון א זאך וואס משה רבינו האט געטון! געלייגט תפלין! אזוי דארף מען זיך מחי' זיין, מאכן א עסק פון יעדע מצוה וואס מ'האט אריינגעכאפט.

דערנאך איז געווען די הערליכע פארשטעלונג ווי די שפילערס און אקטיארן האבן אראפגעלייגט די ליצנות וואס טוט זיך אפ ביי טערעפי.

די מערסטע האב איך געלאכט ווען דער טעראפיסט זאגט פאר דעם קלעבערנעם עושר אז ער זאל פארמאכן די אויגן און זאגן שטייטעלעך מיט א לאנגע אטעם "אנגאאאאאסא" "אנגאאאאאסא" "אנגאאאאאאאאאאאססאאא", און דער לץ דער טעראפיסט כאפט אים אפ אויף ווידיאו און קייקלט זיך פאר געלעכטער פון זיין טעמבעלע וואס לאזט זיך מאכן פון אים דאס געגנאר... ס'איז נישט צום גלייבן אז אזעלכע לצים זויגן געלט און מאכן פורים פון דעם עולם וואס קומט צו זיי מיט א פעקל צרות, און דער טעראפיסט געט נישט קיין פלייאינג היטעלע צו העלפן דעם איד, דער עיקר געב מיר דיין געלט און בלייב א אומבאהאלפענער ביז דיין אפוינטמענט נעקסטע וואך דינסטאג.

שכח אייבערשטער אז דו געבסט מיר יעדן טאג טערעפי, נעגל וואסער טערעפי, מקוה טערעפי, רעדן מיט דרך ארץ צו די ווייב טערעפי, משניות טערעפי, חומש טערעפי, רבי שמעון בר יוחאי איז די בעסטע אנטי ענקזייעטי! רעדן צום אייבערשטן נעמט אוועק אלע פחדים. רעדן צום אייבערשטן איז די איינציגסטע און זיכערע "קאנפידענס בוסטער". פרוביר עס, ס'קאסט נישט קיין געלט, און דו וועסט נאך האבן דיין אלטע "טערעפי-צייט" צו גיין פארדינען פרנסה, אנשטאט זיצן ביים טערעפי לץ. משניות ברענגט געלט. משניות געבט שכל. משניות מאכט די גאנצע שטוב זאל ווערן א לעכטיגע רואיגע געשמאקע ווארעמע הארציגע ליבליכע שטוב.



# זאלץ וואסער
# גיסט זיך בשפע

## וואס וועט
## אבער זיין מיט
## ד' כוסות?

העלף אים מאכן סדר

גאנץ יו"ט $1800 | ליל הסדר $360 | סעודת יו"ט $180

רופט אריין מיט אייער נדבה
און זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

# מעשיות פון תפילה



## משה יחיאל פעלדמאן - קרית ברסלב:

איך בין געפארן צום לופטפעלד, איך האב געזען אויפן וועג אז עס ווערט נענטער און נענטער צו די צייט וואס די פליגער דארף זיך הייבן, און איך זיץ נאך דא אויפן וועג, איך האב אנגעהויבן ווערן נערוועז אויב איך גיי טאקע כאפן דעם פליגער.

גלייך האב איך מיך געכאפט אז מען קען בעטן דעם אייבערשטן, האב איך טאקע געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף איך זאל קענען רואיגערהייט קענען כאפן דעם פליגער, באשעפער פארשעם מיך נישט". איך בין אנגעקומען אין לופטפעלד, איך לויף שנעל צו אריינגעבן די רענצלעך, און זיי ווייזן מיר איך זאל זיך שנעל אינטעריאגן, ווייל מען פארמאכט יעצט די געיט, איך בין געווען ממש דער לעצטער, איך בין אנגעקומען די לעצטע מינוט, אבער ברוך השם געכאפט די פליגער.

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

מיין שטריימל איז געווארן אנגעגאסן פון די רעגנס אין בני ברק בשעת איך האב זוכה געווען צו גיין הפצה ביים גרויסן מעמד אין ביהמ"ד וויזניץ. האב איך עס געשיקט פאררעכטן ביים שטריימל מאכער אין ירושלים. יענער האט געזאגט אז ביז אפאר טעג וועט עס זיין גרייט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן ווער ס'זאל עס מיך שיקן פון ירושלים קיין צפת.

שכח אייבערשטער אז איינער פון די בחורים פון ישיבה אין ירושלים האט עס געקענט נעמען פון דעם שטריימל מאכער, און א צווייטער יונגערמאן האט עס איבער געגעבן פאר איינער וואס איז געפארן אויף שבת קיין מירון...

שכח אייבערשטער.

## בנציון יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

איך בין אנגעקומען אין וויליאמסבורג די ערשטע נאכט פורים שפעט אינמיטן די נאכט, איך בין געקומען פון בארא פארק, א גאנצן וועג האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל גלייך טרעפן א פארקינג, עס האט נישט אויסגעזען אז איך גיי טרעפן אזוי שנעל א פארקינג יעצט טיף אינמיטן די נאכט, אבער תפילה איז גרעסער און שטערקער פון אלעס, ברוך השם אז צוויי סקונדעס נאכן אנקומען האב איך געטראפן א פארקינג הארט נעבן די דירה.

## מנשה איצקאוויטש - בארא פארק:

איך האב געדארפט מאכן אן אינספעקשן אויף מיין קאר, אבער עס איז נישט אדורך, איך בין געגאנגען פון איין פלאץ צום צווייטן, אבער אן ערפאלג. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל שוין יא אדורכגיין די אינספעקשאן, ברוך השם אז צום סוף איז אדורך אן קיין פראבלעמען.

## יצחק אייזיק ראזענבוים - קרית יואל:

פורים אויפדערנאכט בין איך אהיימגעגאנגען נעמען די מגילה, גלייך דערנאך האט מען געדארפט צוריקגיין הערן די מגילה אין שול, איך האב מיר דערזען אז מען גייט שוין אנהייבן ליינען און איך בין ממש יעצט ארויס פונדערהיים

איך האב מיך געשטעלט כאפן א היטש אויף א פלאץ וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געכאפט דארט קיין היטש, נארמאל שטעלט מען זיך נישט אפ דארט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער זאל זיך גלייך אפשטעלן פאר מיר און מיר געבן א היטש, שכח אייבערשטער אז איינער האט זיך גלייך אפגעשטעלט, אזוי האב איך נאך געקענט אנקומען צייטליך און געהאט די זכי' צו הערן מגילה ליינען.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא - הַחוֹדֶשׁ, כ"ט אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין שַׁבָּת פָּרָשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אוֹיךְ גֶעפַאלְט דֶעם שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן. רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, אִין דֶעם טָאג אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס גֶעבוּרְטְסְטָאג.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ סֵדֶר עוֹלָם, פֶּרֶק ז): **"רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן נָטַל עֶשֶׂר עֲטָרוֹת"**; זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי'. אַז אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי'; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט מַשִּׂיג זַיין דֶעם תִּיקּוּן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס מַשִּׂיג צוּ זַיין, אָבֶער זֵיי זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אִינְמִיטְן, אָבֶער אִיךְ - הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט - הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מַשִּׂיג צוּ זַיין אוּן מְגַלֶּה זַיין דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי".

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַייְנְגֶעפִירְט אַז מֶען זָאל זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" יֶעדְן צוּפְרִי גְלַייךְ נָאכְן דַאוְוענֶען צוּזַאמֶען מִיט אַ מִנְיָן, וָואס דָאס הָאט אַלֶע סְגוּלוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט) אַז דֶער "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אִיז מְסוּגָּל פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת. נָאכְן דַאוְוענֶען לוֹיפְט מֶען זוּכְן פַּרְנָסָה אוּן דָא הָאבְּן מִיר אַ סְגוּלָּה פוּן רֶבִּי'ן פַאר פַּרְנָסָה, פַארְוָואס זָאלְן מִיר נִישְׁט נֶעמֶען דֶעם סְגוּלָּה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס בְּרֶענְגְט דָאךְ אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אַלֶע רְפוּאוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ פַּרְנָסָה אוּן עֶס מֶעקְט אָפּ דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען. וָואס וָואלְטְן מִיר וֶוען גֶעטוּן אָן דֶעם רֶבִּי'ן? מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע עֵצוֹת.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן אִיז הִתְחַדְּשׁוּת - זִיךְ בַּאנֵייעֶן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען כְּסֵדֶר אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): **"בַּיי דֶער וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה.** וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן טוּן מִצְוֹת, עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן"; דָאס זֶעהְן מִיר רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. דֶער לְבָנָה בַּאנֵייט זִיךְ, זִי הֵייבְּט אָן נָאכְאַמָאל גְרוֹיס וֶוערְן, זִי וֶוערְט פְרִישׁ גֶעבוֹירְן. אַזוֹי דַארְפְן מִיר לֶעבְן, כְּסֵדֶר זִיךְ בַּאנֵייעֶן, נִישְׁט קוּקְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן נִישְׁט צוּרִיק טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז נָאךְ אַבִּיסֶל גֵייעֶן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה; מַצָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (זוֹהַר שְׁמוֹת, קפג:): **"מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא"**, אָן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; דוּרְךְ מַצָּה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ז): **"עִיקַּר הַגָּלוּת זֶה רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה"**, וָואס אִיז גָלוּת? אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֵלוּ פוּ שֶׁל עוֹלָם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

מִיר דַארְפְן גוּט אַרַיין בַּאקְן אִין אוּנְז אוּן אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַ גַאנְץ יָאר צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמז, סְעִיף קָטָן א): **"הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ בְּפֶסַח, מֻבְטָח לוֹ שֶׁלֹּא יֶחְטָא כָּל הַשָּׁנָה"**, וֶוער עֶס אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מַצָּה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", מֶען גֶעדֶענְקְט אַ גַאנְץ יָאר אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ - דִי שִׂמְחָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִינְדִיגְן.

דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מַסֶּכֶת פְּסָחִים; מוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תעז, סְעִיף קָטָן א): "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן מִיט דִי מַצוֹת, זֵיי פְלֶעגְן קִישְׁן דִי מַצוֹת מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה"; וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ לִיכְטִיגְן חוֹדֶשׁ.**



# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א

## קרית ברסלב ליבערטי

**אין א שמועס וועגן דעם ברסלב'ן שטעטל ערב שבת החודש שנת תש"פ, האט דער ראש ישיבה געזאגט:** געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין די צוועלפטע יאר פון ווען מיר האבן געעפנט די הייליגע ישיבה: "ישיבה תפארת התורה - היכל הקודש ברסלב"; אז מען קוקט צוריק איז ממש מקוים געווארן דעם פסוק (איוב ח, ז): "**וְהָיָה רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד**", דער אנהויב וועט זיין קליין און דער סוף וועט זיין זייער גוט; איר געדענקט אודאי וואס מיר זענען אריבער די אלע יארן, רדיפות און התנגדות אויף אלע אופנים, מען האט פרובירט צו פארמאכן די ישיבה מיט כל מיני וועגן, און דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן מיר זענען דאס אלעס בייגעקומען, עס איז געווען א בחינה פון (שמות א, יב): "**וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ**", ווי מער מען האט געפייניגט די אידן, "**כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ**", אלץ מער האבן זיי זיך פארמערט; מיר האבן במשך די יארן געעפנט די ערשטע ברסלב'ע חדר אין אמעריקא, א מיידל שולע, א בית הדפוס וואו מיר דרוקן און פארשפרייטן הונדערטער טויזנטער ספרים און קונטרסים בלי גוזמא, אויך האבן מיר געעפנט דעם כולל להוראה וואו עס זיצן און לערנען אינגעלייט בהתמדה רבה.

מיר האבן זוכה געווען צו אויפשטעלן א שטעטל "**קרית ברסלב**"; דאס איז א זאך וואס קיינער קען נישט פארשטיין, ווי אזוי מען בויט א שטעטל; **ווער שטייט אונטער די אלע אקטיוויטעטן?** ווי האט מען די כוחות צו בויען און בויען און נישט מיד ווערן? מענטשן ווייסן נישט דעם סוד וואס מיר פארמאגן, מיר האבן א צדיק וואס האט זיך גע'הרג'ט נישט איין מאל פאר אונז, נישט צוויי מאל; מוהרא"ש האט זיך מיליאן מאל און נאך מער גע'הרג'ט פאר אונז און פאר אלע אידן, מען זאל וויסן ווי אזוי צו לעבן מיט'ן אייבערשטן און מיט די תורה, וויסן ווי אזוי אויפצוציען א שטוב מיט ערליכע קינדער.

איך ענדיג צו מיט'ן משל וואס דער רבי האט דערציילט, אמאל איז א קעניג געגאנגען כאפן חיות מיט זיינע באדינער, פלוצלינג האט מען געזען ווי עס הויבט אן גיין א גאס רעגן, אלע האבן אנגעהויבן טראכטן פון אהיים גיין, מען האט געבעטן דעם קעניג מען זאל אלעס אפשטעלן און אהיים גיין, האט דער קעניג געזאגט איך בלייב דא כאפן דעם הערש וואס איך וויל זייער שטארק כאפן, **אויב איר ווילט קענט איר אהיים גיין, איך מוז כאפן דעם הערש.**

# א מעשה
## פון א צדיק

### אַן עֶכְטֶע רֶבִּי

עֶס אִיז אַמָאל אַרַיין גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער בַּעַל דִּבְרֵי חַיִּים, דֶער רָב הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: צוּ וֶועלֶעכֶע רֶבִּי פָּארְסְטוּ? הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ פָּאר צוּם רָבְ'ס זוּהן - דֶער הֵיילִיגֶע שִׁינָאוֶוער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער בַּעַל דִּבְרֵי יְחֶזְקֵאל, אַזוֹי! שִׁינָאוֶוע רָב אִיז דַיין רֶבִּי? וָואס מַאכְט אִים זַיין אַ רֶבִּי? הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעעֶנְטְפֶערְט: דִי כֹּחוֹת, דִי כַּוָּונָה, דִי הִתְלַהֲבוּת, וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז מוֹרָא'דִיג.

הָאט צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט "פַאר דֶעם אַלֵיין הֵייסְט מֶען נָאכְגִּישְׁט אַ רֶבִּי, וַוייל יֶעדֶער אִיד דַארְף דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה און מִיט הִתְלַהֲבוּת" הָאט דֶער חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: דִי תּוֹרָה פוּן מַיין רֶבִּי, דִי הַתְמָדָה און לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶר הָאט צוּ תּוֹרָה אִיז לְהַפְלִיא. הָאט צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט: "אוֹיךְ פַאר דִי סִיבָּה הֵייסְט מֶען נָאכְגִּישְׁט אַ רֶבִּי, וַוייל יֶעדֶער אִיד דַארְף לֶערְנֶען דִי מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען".

הָאט דֶער אִיד זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אִיךְ וִויל דֶערְצֵיילְן פַארְן רָב אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַייעֶר זוּהן: אִיךְ הָאבּ אַמָאל בַּאגְלֵייט דֶעם הֵיילִיגֶע שִׁינָאוֶוער רָב אִין אַ שְׁנֵייעֶדִיגֶע וֶועטֶער, און מֶען הָאט גֶעזֶעהן וִוי אַן אָרִימַאן וֵויינְט נֶעבֶּעךְ, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? הָאט דֶער אָרִימַאן גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ בִּין שְׁרֶעקְלִיךְ אָרֶעם, בְּמֵילָא גֵיי אִיךְ אַרוּם בַּיי דִי הַייזֶער כְּדֵי צַאם צוּנֶעמֶען נְדָבוֹת פוּן אִידְן. אֲפִילוּ גַאנְצֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט, אָבֶער יֶעצְט, פוּן דִי שְׁוֶוערֶע שְׁנֵייעֶדִיגֶע וֶועטֶער, אִיז מַיין שַׁיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָא גֶעהַאט, אִינְגַאנְצְן חָרוּב גֶעוָוארְן, אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעבְּלִיבְּן אָן פַּרְנָסָה, וַוייל אָן שִׁיךְ קֶען אִיךְ נִישְׁט אַרוּם גֵיין.



וִוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶע שִׁינָאוֶוער רָב הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי שְׁטִיוְול פוּן זַיינֶע פִּיס און עֶס דֶערְלַאנְגְט פַאר דֶעם אָרִימַאן און גֶעזָאגְט "דָא נֶעם מַיינֶע שְׁטִיבְּל, יֶעצְט וֶועסְטוּ קֶענֶען גְרִינְגֶערְהֵייט אַרוּמְגֵיין צוּ דִי שְׁטִיבֶּער נָאךְ גֶעלְט".

נָאכְן הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט צַאנְזֶער רָב זִיךְ צוּפֵייעֶרְט און גֶעזָאגְט "אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט אַוֶועק פוּן זִיךְ פַאר אַ אַנְדֶערֶע אִיד אִיז עֶר בְּוַדַּאי רָאוּי צוּ הֵייסְן אַ גְרוֹיסֶע רֶבִּי, און עֶס אִיז גוּט צוּ פָארְן צוּ אִים, וַוייל דִי עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט וִוי מֶען מֶעסְט אַ רֶבִּי אִיז וִויפִיל עֶר גֶעבְּט אַוֶועק פוּן זִיךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן.

(שיחות מוהרא"ש חלק י ערך רבי)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - ע"א -

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אִיבֶּער יֶענֶע וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז גוּט אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דָאס מֵיינְט עֶר זָאל זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת אַזוֹי ווִי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען אוּן קַיין שׁוּם נַארִישֶׁע בְּהֵמָה'ישֶׁע תַּאֲווֹת וָואס לָאזְן זִיךְ אוֹיס מִיט גָארְנִישְׁט אַזוֹי ווִי אוֹיף דִי וֶועלְט.

* * *

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעשְׁמַאק אוּן תַּעֲנוּג וָואס אִיז דָא אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואלְט עֶר זִיכֶער בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דָאס לֶעבְּן אוּן דִי נַארִישֶׁע תַּאֲווֹת פוּן דִי וֶועלְט, דֶערְפַאר אִיז גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, כָאטְשׁ וָואס שִׁכְחָה אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ, הָאט עֶס אָבֶּער דִי מַעֲלָה אַז אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל וֶוען עֶר גֶעדֶענְקְט וֶוען דִי זִיסְקֵייט אוּן פַארְגֶענִיגְן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט.

סְ'אִיז דָא גָאר אַ גְרוֹיסֶער מַלְאָךְ וָואס הָאט טוֹיזְנְט קֶעפּ, יֶעדֶע קָאפּ הָאט טוֹיזְנְט צוּנְגֶען, יֶעדֶע צוּנְג הָאט טוֹיזְנְט קוֹלוֹת, אוּן יֶעדֶע קוֹל הָאט טוֹיזְנְט נִיגוּנִים. אוּן וֶוען דֶער מַלְאָךְ הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען, אִיז דָאס גֶעוִויס גָאר שֵׁיין אוּן זִיס וָואס מְ'קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דֶערְמַאנֶען ווִי קְלֵיין אוּן גָארְנִישְׁט עֶר אִיז קֶעגְן דֶעם, ווִי אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ בִּכְלַל קֶענֶען לַיידְן?! עֶר וֶועט זִיכֶער זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְעֶקְלְן פוּן זַיין לֶעבְּן בִּיז עֶר וָואלְט חַס וְשָׁלוֹם גֶעקֶענְט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען סְ'אִיז דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען לֵיידֶער פַארְזִינְקֶען אוּן פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעדֶענְקְט ווִי נִידְרִיג זֵיי זֶענֶען, וָואלְטְן זֵיי אֶפְשָׁר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן דֶעם קָאפּ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ יָא דֶערְמַאנֶען, אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן זַיין גַאנְצֶע וֶועלְט חַס וְשָׁלוֹם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עוּקְצִין, סוֹף פֶּרֶק ג') אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט גֶעבְּן פַאר יֶעדְן צַדִיק דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען וֶועלְטְן. לָאמִיר זִיךְ נָאר פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֵיינְט אֵיין וֶועלְט, ווִיפִיל הַייזֶער, ווִיפִיל הוֹיפְן, ווִיפִיל גַאסְן, ווִי סַאךְ שְׁטֶעט אוּן לֶענְדֶער עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיפְ'ן וֶועלְט, ווִי גְרוֹיס דֶער וֶועלְט אִיז, ווִיפִיל שְׁטֶערְן אוּן מַזָלוֹת אָן קַיין שִׁיעוּר, אוּן ווִיפִיל וואוּנְדֶערְלִיכֶע גַלְגַלִים סְ'אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען פַארְהַאן נָאר אִין אֵיין וֶועלְט פוּן אַלֶע וֶועלְטְן. יֶעצְט לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז דֶער צַדִיק הָאט דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען אַזֶעלְכֶע וֶועלְטְן, אִיז דָאךְ דִי גֶעשְׁמַאק אוּן פַארְגֶענִיגְן דֶערְפוּן נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן.

דִי דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען וֶועלְטְן וָואס דֶער צַדִיק בַּאקוּמְט, דָאס בּוֹיעֶט עֶר אוֹיף דוּרְךְ מַחְלוֹקֶת. דוּרְךְ דֶעם וָואס סְ'אִיז דָא מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן צַדִיק, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוֹיף אִים, פוּן דֶעם וֶוערְט שְׁטֵיינֶער, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר יְצִירָה אַז אוֹתִיּוֹת זֶענֶען שְׁטֵיינֶער. דִי שְׁטֵיינֶער זֶענֶען אָבֶּער צֶעטֵיילְט, וַוייל סְ'קוּמְט דָאךְ פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן מְ'קֶען נִישְׁט צוּזַאמְשְׁטֶעלְן דִי שְׁטֵיינֶער אוּן בּוֹיעֶן עֶפֶּעס דֶערְפוּן. דֶער צַדִיק נֶעמְט אָבֶּער דִי שְׁטֵיינֶער אוּן בַּאהֶעפְט זֵיי אֵיינְס צוּם צְוֵוייטְן, אוּן מִיט דֶעם בּוֹיעֶט עֶר הַייזֶער. עֶר מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי, עֶר אִיז זֵיי שֵׁיין מְסַדֵר אֵיינְס אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, בִּיז עֶר בּוֹיעֶט פוּן דֶעם אַ הוֹיז. אוּן דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן "שָׁלוֹם בַּיִת", דֶער צַדִיק מַאכְט שָׁלוֹם, אוּן מִיט דֶעם בּוֹיעֶט עֶר אַ בַּיִת.



פוּן דִי הַייזֶער וָואס עֶר בּוֹיעֶט, וֶוערְט נָאכְדֶעם דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סְ'וֶוערְט פוּן דֶעם אַ פוּלֶע וֶועלְט, אוּן נָאךְ וֶועלְטְן, בִּיז סְ'קוּמְט אָן צוּ דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען וֶועלְטְן.

דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ח', כ"א) "לְהַנְחִיל אֹהֲבַי יֵשׁ", וָואס דָאס גֵייט דָאךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי שַׁ"י עוֹלָמוֹת וָואס דֶער צַדִיק בַּאקוּמְט, דָאס וֶוערְט דוּרְךְ "אֹהֲבַי", דוּרְךְ לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם. דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶער צַדִיק בְּרֶענְגְט אַרַיין לִיבְּשַׁאפְט אוּן מַאכְט שָׁלוֹם, מִיט דֶעם קְלֶעבְּט עֶר צוּזַאם דִי שְׁטֵיינֶער אוּן בּוֹיעֶט הַייזֶער, פוּן דֶעם בַּאקוּמְט עֶר דִי דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען וֶועלְטְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

היכל הקודש

## בריוו פון ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך יום ג' פרשת עקב, י"ט מנחם-אב, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

וואויל איז דיר אז דו האסט די שכל און די זכי' צו העלפן דרוקן די הייליגע ספרים און קונטרסים וואס מוהרא"ש האט געשריבן, אזויפיל אידן האבן כח אנצוגיין אין לעבן; די ספרים, קונטרסים און גליונות געבט זיי כח און חיזוק פאר עבודת השם.

איך געדענק די ליבשאפט וואס מוהרא"ש האט דיר געוויזן אלע יארן ווען דו האסט געדרוקט די ספרים; יעצט האט מוהרא"ש ווייטער נחת פון דיר מיט דעם וואס דו העלפסט די בית הדפוס, האסט מנדב געווען די חדר הדפסה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אונזער גאנצע לעבן קענען בלייבן שמשים פאר'ן רבי'ן און אויך אויף יענע וועלט.

* * *

בעזרת ה' יתברך יום ד' פרשת מקץ, ראש חודש טבת, ו' דחנוכה, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

מאך אן התעוררות ביי אנשי שלומינו ווער עס וויל העלפן און האבן א חלק אין הדפסה והפצה; מיר דארפן האבן יעצט גרויס געלט צו קענען ווייטער אנגיין מיט'ן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות.

איך זע אז צווישן אנשי שלומינו האבן אויך נישט אלע א זכות צו העלפן, וואס איז אינטערעסאנט, ווייל רוב רובם, רובם ככולם זענען מקורב געווארן דורך הפצה, וואלטן זיי ווען געדארפט האבן א געפיל דערצו... זעט אויס אז מען דארף האבן א זכי' די געלט זאל אנקומען צו דעם הייליגן זאך.

שיק מיר א באריכט יעדע וואך ווער עס האט אלץ מנדב געווען פאר הדפסה.

## ישועות אשר בנחל

אין מאנסי וואוינט א חשובע אינגערמאן מאנשי שלומינו אין מאנסי וואוינט א חשובער אינגערמאן מאנשי שלומינו מו"ה אברהם חיים קלאגסברוין הי"ו, א פריינטליכער געשמאקער אינגערמאן. מיט איבער זעקס יאר צוריק איז ער ליידער דורך פרשת גירושין.

א קורצע צייט שפעטער איז ער איינמאל אנגעקומען צו א שיעור ביים ראש ישיבה שליט"א דורך א חבר, און א נייע וועלט האט זיך אים געעפנט. זיין לעבן האט זיך אים דראסטיש געטוישט, און זיין זוכן א שידוך האט באקומען א נייע באדייט.

במשך די צייט זענען ארויפגעקומען עטליכע פארשלאגן, אבער אלע האבן זיך נישט אויסגעארבעט צום סוף, א יאר צוריק האט ר' אברהם חיים געגעבן פינף הונדערט דאלער פאר'ן גבאי ר' לייבי פאר אשר בנחל, און ממש דערנאך איז פארגעשלאגן געווארן דער שידוך, זייער א פיינע שידוך מיט אלע מעלות, וואס איז למעשה צום סוף צושטאנד געקומען בשעה טובה ומוצלחת, אבער דאן האבן זיך זאכן נישט געררוקט ווייטער, א האלבע יאר צוריק איז דער שידוך ווידער ארויפגעקומען אויפן טיש, און דער שידוך האט זיך אנגעהויבן צו רוקן, אבער זייער פאמעלעך, זאכן האבן זיך שטארק געשלעפט.

פיר וואכן צוריק, דאנערשטאג כי תשא, באקומט ר' אברהם חיים א רוף פון ר' לייבי און שלאגט אים פאר צו קויפן א זכות אין אשר בנחל, דעם נאכפאלגענדע זונטאג פרשת ויקהל האט אים ר' אברהם חיים צוריק גערופן און אים געגעבן אויפן טעלעפאן זיין ברייטהארציגע נדבה. פון דא און ווייטער האבן זיך זאכן גענומען רוקן שנעל, און פונקט צוויי וואכן שפעטער, פארגאנגענעם זונטאג ויקרא העל"ט איז דער שידוך געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

און פאר אלע ליינער ווילן מיר רעקאמענדירן מען זאל נישטווארטן אז דער גבאי ר' לייבי זאל רופן, נאר שוין יעצט רופט אן דעם גבאי אויף 347-578-4449 און קויפט אייך דער זכות נצחי אינעם ספר הקדוש אשר בנחל, א סגולה בדוק ומנוסה פאר ישועות ורפואות.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email: subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## קרן הדפסה גרייט זיך ארויסצוגעבן א פריש איבערגעארבעטע תיקון הכללי מיט גרויסע באטעמטע אותיות.

דער ראש ישיבה שליט"א ברענגט אין א בריוו פון מוהרא"ש אין פעלת הצדיק (סימן תתצ"ז בהגהה) "וְעַל כֵּן מִי הֶחָפֵץ בַּחַיִּים", ווער עס זוכט לעבן, "מִי הָרוֹצֶה לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה מֵעֲוֹנוֹתָיו וַחֲטָאָיו שֶׁנָּפַל בָּהֶם רַחֲמָנָא לִצְּלָן", ווער עס וויל תשובה טון אויף זיינע זינד וואו ער איז אריין געפאלן, "כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי יְרִידוֹתָיו", יעדער איינער לויט ווי ער איז אראפגעפאלן, "יְרַחֵם עַל נִשְׁמָתוֹ", זאל רחמנות האבן אויף זיין נשמה, "וְיֹאמַר בְּכָל יוֹם אֶת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים", און זאגן יעדן טאג די צען קאפיטלעך תהלים, "שֶׁהֵם תִּיקּוּן חָדָשׁ לְגַמְרֵי", וואס דאס איז א נייער תיקון.

דער רבי זאגט אז נאכן זאגן די צען קאפיטלעך תהילים פון "תיקון הכללי" דארף מען מער נישט איבער טראכטן וואס מען האט געטון, דער עיקר תיקון הברית - האט דער רבי געזאגט - איז "נישט איבערטראכטן"; איינמאל מען האט געזאגט דעם תיקון הכללי זאל מען מער נישט איבער טראכטן וואס איז געווען, נאר אנהייבן מיט א נייע התחלה דינען דעם אייבערשטן, לערנען און דאווענען און טון מצוות.

דער רבי האט צוגעזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב׳, סימן צב): דער וואס וועט זאגן די צען קאפיטלעך - דעם "תיקון הכללי" - וועט פארריכטן אלעס וואס ער האט פוגם געווען."

דערפאר כדי צו מאכן געשמאק און גרינג דאס תיקון הכללי גרייט מען צו צום דרוק די פריש איבערגעארבעטע תיקון הכללי אויף דריי פארמאטן, א גרויסע פארמאט, א מיטעלע סייז, און א מהדרות כיס וואס פיט אריין אין טאש.

מען קען אפקויפן די זכות פון דרוקן די תיקון הכללי דורכן רופן דעם גבאי ר׳ לייבי ראטה אויף 347-578-4449

# בילדער פון קרן הדפסה



פריש איבערגעדרוקט קונטרס The Divine Conversation



דער ראש ישיבה ביים איבערקוקן מעשה'לעך



צענדליגע ענגלישע קונטרסים איבערגעדרוקט

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **לייבי ראטה**<br>קרית ברסלב | **מרדכי לייב טירנויער**<br>קרית יואל | **שאול חיים איינהארן**<br>סטעטן איילענד |
| **שלמה מינצבערג**<br>בית שמש | **חיים יוסף ראזענבערג**<br>וויליאמסבורג | **יואל אפענהיים**<br>קרית ברסלב |
| **מרדכי יהודה לעווין**<br>לאנדאן | **אשר לעווי**<br>דזשערסי סיטי | **שלמה קרויס**<br>וויליאמסבורג |
| **אברהם פיש**<br>קרית ברסלב | **בניהו אונגאר**<br>קרית ברסלב | **שלמה יואל שניטצלער**<br>מאנסי |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#**

email: **donate@kerenhadfusa.org**

whatsapp: **347.578.4449**

YOUR TRUSTED PARTNER FOR

# Insurance Solutions



## OUR SERVICES



















When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

---

## Licensed Insurance and Real Estate Broker

### THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

*- Simcha Salz -*


**CONTACT US:**

SALZ & ASSOCIATES LLC
212-725-9467
www.salzandassociates.com

SALZ REALTY GROUP LLC
212-725-9734
www.salzre.com

SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC
212-725-9467
www.salzinsurance.com

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*




## שריפת חלה

אין אפסטעיט ניו יארק.

אויך פיקן מיר אויף.

רופט היינט

347-585-9054

א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449









# מלמדים קאמפ

## שט

### הרב יעקב יאקאבאוויטש שליט"א

$18,500

$5000 — חיים נחום

| | | | |
|---|---|---|---|
| אליעזר שטראוס $1000 | מענדי באלאבאן $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 אשר לעמל זוסמאן | $500 אליעזר שמן | $500

### הרב אהרן לונגער שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| אליעזר שטראוס $1000 | מענדי באלאבאן $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 אליעזר שמן | $500 | $500

### הרב בערל שניטצלער שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 אליעזר שמן | $500 אברהם ראטענבערג | $500

### הרב אשר קרויס שליט"א

$18,500

$5000 — שלמה זלמן גלאנשטיין

| | | | |
|---|---|---|---|
| משה גאטליעב $1000 | ישראל העסקל $1000 | בניהו אונגאר $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 אליעזר שמן | $500 | $500

## וויליאמסבורג

### הרב יעקב איידליס שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| אליעזר שטראוס $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 לייבי ליבערמאן | $500 | $500

### הרב נחמן נײשטײן שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| אליעזר שטראוס $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 לייבי ליבערמאן | $500 | $500

### הרב ישעי' איידליס שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| שמואל לייב פעלבערבוים $1000 | מרדכי ראזענפעלד $1000 | מענדי באלאבאן $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 | $500 | $500

### הרב דוד פוקס שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

$500 | $500 | $500

# ...יין פסח תשפ״ד

עטל...

## הרב יואל משה פליישמאן שליט״א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $500 | $500 | $500 אליעזר שמן | |

## הרב הערשל שניטצלער שליט״א

$18,500

$5000 מרדכי היימליך

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $500 | $500 עלי מזרחי | $500 אליעזר שמן | |

## הרב נחמן נתן קרויס שליט״א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | מענדי באלאבאן $1000 | ר׳ יחזקאל סאמעט $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $500 | $500 | $500 אליעזר שמן | |

## הרב יחזקאל סאמעט שליט״א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | שלמה אפפעלדארפער $1000 | אייזיק אפפעל $1000 | בניהו אונגאר $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $500 | $500 | $500 אליעזר שמן | |

קרית יואל

ישיבה קטנה

מנהל

## הרב יואל טייטלבוים שליט״א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | יעקב דוב כהן $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $500 | $500 | $500 | |

## הרב לוי יצחק ווערטהיימער שליט״א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $500 | $500 | $500 יעקב דוב כהן | |

## הרב יוסף שניטצלער שליט״א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | מענדי באלאבאן $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $500 שלמה אפפעלדארפער | $500 מאיר רייניץ | $500 אליעזר שמן | |

## הרב מרדכי אינדיג שליט״א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | שלמה אפפעלדארפער $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $500 | $500 | $500 אליעזר שמן | |




# DRY GOODS

**Hours**
Sun. - Thurs.
10:30-6:00
Fri.
10:30 - חצות

845.747.5552 1619 Rt. 52

Ilmoi | Van gaurd | Sea board | Casual trend | Orient super | Van dyack | Enod | Classic | Butterfly | Flourance | Key chain | Rosette | Armani | Armando martilo | Candy land | Vendero | Valair | Jrp | Sereco | Filazi | Fiddenzze | Lands kids | Little pipers | Baby Jay | Pastel basics | King rose | Young berry | Puime | And more.....

dmcreatives.co


בס״ד
We accept most insurance plans
You shouldn't waste an hour on a simple test
Get the care you need in your own home.
SERVICING ENTIRE BROOKLYN AREA
OUR AT HOME SERVICES :
PRESCRIPTIONS. STREP CULTURES.
FLU & COVID/RSV TESTING.
URINE CULTURES. EAR EXAMINATIONS.
Now servicing the upstate area, Liberty and Bloomingburg
Medease
CARE AT HOME
718.208.2030
Info@medeasecare.com
medeasecare.com
Mon-Thurs: 3:30pm-10pm | Motzei Shabbos: From 1/2 hour after the zman



# א צובראכענע פאראשוט

ישראל דוד העסקעל

נא ס'שוין שפעט וואו איז די טעקסי? איך לויף ארויס נאכאמאל קוקן ביים טיר אפשר פארט וועט ער זיך באווייזן, אבער אין קול ואין עונה, דער בחור איז נישט דא צום געפינען.

איך לויף נאכאמאל קוקן די מעסעדזש וואס גאראנטירט אז ביז זיבן מינוט צוריק וועט א קאר מיט פלאץ פאר איין פאסאזשיר זיין אינדרויסן פון מיין הויז (איין פאסאזשיר?! מאדנע, ניין? אפשר א סמארט קאר? אפשר א מאטאר ביציקל? נאאא זיכער נישט... אפשר האט ער ארויס געפליקט אלע זיצן? העמיר זען...).

נאך עטליכע נערוועזע מינוט גייען אדורך און ענדליך זע איך ווי א שווארצע טאיאטא סיענא ציעט אריין אין מיין דרייוועי און געבט א פייף ווי צו מעלדן "איך בין דא"!



איך כאפ שנעל מיין זעקל ספרים מיט עפעס צו עסן אויפן וועג, און איך לויף צום קאר פונעם ספאנישן ערל וואס גייט זיין מיין דרייווער.

איך עפן אויף די פאדערשטע טיר און איך זעץ זיך נעבן דעם דרייווער, איך כאפ א שנעלן בליק אויף צוריק צו זען וואו זענען אלע זיצן פונעם גרויסן מיני ווען נעלם געווארן...

העהעהע פארשטייט זיך אז ער שרייבט ער האט נאר פלאץ פאר איין פאסאזשיר, די גאנצע אונטערשטע חלק פונעם קאר איז פול מיט צוזאמען געלייגטע פאראשוטן! יא איר האט גוט געליינט צוויי ריזיגע קאלירפולע פאראשוטן!

אזוי ווי איך אריענטיר זיך און איך בין מסדר אלע מיינע פעק און זעק זעמיר בכלל נאכנישט ארויסגעפארן פונעם דרייוועי, איך קוק אן דעם ערל און איך פרעג אים - יו נאו דע וועי? (you know the way, קענסט דעם וועג?)

ער קוקט מיר אן און ענטפערט מיר מיט א היימישן אידיש יא יא פיין קען איך די



וועג!

איך האב געמיינט אז איך פאל אראפ פון בענקל! אבער נאך איידער איך האב אים בכלל געקענט ענטפערן הייבט ער מיר אן זאגן "איך האב נישט געגלייבט אז ענקער שטעטל קוקט אויס אזוי שיין און פארגעשריטן, איך בין געווען זיכער אז איך קום דא אן צו א באנגעלאוי קאלאני׳..... איך בין ממש סורפרייזט, עטץ וואוינסט דא ווי בני מלכים, יעדער אויף אפאר אקער לאנד, פיינע נייעס! און איך זעה ס'ממש געפאקט מיט איינוואוינער, שיין!"

איך הייב שוין גראד אן צו טראכטן ווי אזוי איך קען אים ברענגען צום רבי'ן? איך זאג אים "דו ווייסט אז דו קענסט אויך האבן א גוט לעבן? דער הייליגער רבי האט עצות פאר יעדן איינעם נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב מ'איז אדער ווי אזוי מ'קוקט אויס, דו קענסט טשילן, האבן א גוט לעבן, און אויך זיין אן ערליכער איד!"

הא הא הא דו מיינסט איך ווייס נישט וואס דו טוסט יעצט? פיין קען איך דעם ראש ישיבה, איך פלעג אלס אינגער בחור אויסהערן די שיעורים, לעבן אויף די חיזוק, ביז מ'האט אויסגעפונען און מ'האט ארייגעמישט עסקנים נאר צו מאכן זיכער אז איך קום נישט אן צום ראש ישיבה ווייל איך בין דאך געווען א נארמאלער בחור. זיי האבן נישט געהאט קיין מושג אין די נסיונות וואס איך גיי אריבער... זיי האבן נישט פארשטאנען אז דער ראש ישיבה איז דער וואס האלט מיך ביים לעבן. פון אינדרויסן האב איך אויסגעקוקט אזוי נארמאל אזוי 'מעינסטריעם' אבער איך האב זיך געפערליך געמוטשעט.

מ'האט מיך געשלעפט צו טערעפיסטן, נישט איינס נישט צוויי - צוועלף טערעפיסטן / מחנחים / פארשטייערס וכו' וכו' אלעס נאר ארויסצוקלאפן פון מיר 'ברסלב' און ס'איז זיי איידער געלונגען, וואס זאל איך דיך זאגן איך בין געווען אינג, איך האב נישט געהאט די כוחות זיך צו שלאגן, נישט ראש ישיבה איז נישט ראש ישיבה....

שפעטער ווען איך בין שוין מער אין גארנישט געווען אינטערעסירט דעמאלט האבן זיך אלע פלוצלינג אויפגעוועקט, אפשר גייסטו צו דער ראש ישיבה אפשר גיי קיין ברסלב, אבער ביי דעמאלטס בין איך שוין געווען גאנץ ווייניג אינטערעסירט... איך בין געווען אויסגעברענט, איך האב שוין געהאט מיינע חברה, יעצט האב איך שוין פון גארנישט געוואלט הערן!

אוי ס'ציפט... דערווייל נעם איך ארויס מיין משניות מיט מיינע ספרים ס'איז א לאנגע וועג, איך הייב אן קנאקן מיינע שיעורים איינס נאכן צווייטן ס'גייט א רויעך. איך געב א קוק אויפן דרייווער אינמיטן וועג און איך זע ווי א טרערעלע קייקלט זיך אראפ זיינע בעקעלעך, איך פרעג אים וואס גייט פאר?



# אשריכם

## פרנס החודש

מו"ה **יעקב פיש** הי"ו

מו"ה **ישראל מנחם ראזנבערג** הי"ו

מו"ה **אהרן קליטניק** הי"ו

מו"ה **אפרים פעלדמאן** הי"ו

מו"ה **לוי יצחק זאפיר** הי"ו

## פרנס השבוע

מו"ה **שמעון גאנצפריעד** הי"ו

מו"ה **מנחם הירשפעלד** הי"ו

## פרנס היום

מו"ה **מרדכי ראזנבערגער** הי"ו

מו"ה **זאבי ניימאן** הי"ו

---

כו
הי
הק
בנשיאות הראש

מיט דאנק און לויב צום אויבערשטן טו

**אנשי ש**
**תושבי בא**

וואס האבן זיך אנגע

# מסי
# תומכי

**וואס איז פארגעקומען דעם פארג**

**און איז געווארן געקרוינט מי**
**וואס האבן זיך אונטערגע**

## ואחרון אח

טוען מיר זיך באדאנקען פאר די
אכסניא של תורה, הלא הוא ידידינו
היקר עושה ומעשה למען הכלל והפרט

מו"ה **לוי יצחק זאפיר** הי"ו

פאר'ן אהערשטעלן די הערליכע מסיבה

**אשריך ר' לוי יצחק!**

דער רבי וועט דיר נישט שולדיג בלייבן!

ובזכות החזקת התורה זאלן אלע תומכי
אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד

הנהלת

# גבורי החיל

## משותתפי המסיבה

אויך טוען מיר זיך באדאנקען פאר אלע באטייליגטע
וואס האבן זיך משתתף געווען בגוף ובממון ביד רחבה וברוח
נדיבה און אראפגעלייגט שיינע סכומים אויפ'ן פלאץ

מו"ה **שלמה קרויס** הי"ו
מו"ה **מנחם הירשפעלד** הי"ו
מו"ה **מנחם מענדל שימשאוויטש** הי"ו
מו"ה **דוד דייטש** הי"ו
מו"ה **מרדכי ראזנבערגער** הי"ו
מו"ה **יושע איינהארן** הי"ו
מו"ה **יושע שערמאן** הי"ו
מו"ה **מנשה איצקאוויטש** הי"ו
לע"נ מו"ה צבי דוב ב"ר מו"ה אברהם משה הלוי ע"ה
מו"ה **אהרן קליטניק** הי"ו
מו"ה **ישראל מנחם ראזנבערג** הי"ו
מו"ה **שמואלי בלעדי** הי"ו
מו"ה **זאבי ניימאן** הי"ו
מו"ה **שמעון גאנצפריעד** הי"ו
מו"ה **משה בראדי** הי"ו
מו"ה **אלעזר לאנדא** הי"ו
מו"ה **יוסף זינגער** הי"ו
מו"ה **יוסף פרעדרויא** הי"ו
מו"ה **שמעון פיש** הי"ו
מו"ה **שלמה האממער** הי"ו
מו"ה **דוד דייטש** הי"ו
מו"ה **שמואלי בלעדי** הי"ו
מו"ה **אלעזר לאנדא** הי"ו

...ן מיר אויסדרוקן א הארציגן דאנק פאר

...שלומינו
...רא פארק

...רופן ווארעם ביי די

# ...בכת
# ...הכולל

**...אנגענעם מאנטאג פרשת ויקרא**

**...ט גרויס הצלחה דורך אנ"ש**
**...נומען גרעסערע סכומים**

## ...רון חביב

די הצלחה פון די מסיבה איז בעיקר צו פארדאנקען פאר
מו"ה **יוסף זינגער** הי"ו
וואס האט געמאכט זיכער אז די מסיבה זאל אריינברענגען
גרעסערע סכומים, דער זכות זאל דיר ביישטיין!

גדול המעשה יותר מן העושה

מו"ה **מנשה איצקאוויטש** הי"ו
פאר בייהילפיג זיין מיט די געשמאקע שיחות
חברים מהנעשה והנשמע בהיכל הכולל

...ם געבענטשט ווערן בכל מילי דמיטב,
..., וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה

...הכולל





פארציילט ער מיר אז ער איז יעצט געווען מיט זיין נאנסטער חבר אויף א טריפ - פאראשוטינג, און ביים צווייטן מאל ארויס טאנצן האט זיך זיין חבר'ס פאראשוט פארהאנקעט און ליידער האט ער עס נישט געמאכט!

איך קען עס נישט נעמען, איך האב אים געזען אויסגיין פאר מיינע אויגן, ער איז געווען אזא גוטע נשמה, פארדעם האב איך דא יעצט אין קאר מיינע פאראשוטן, איך מוז פטור ווערן פון דעם, איך גיי שוין נישט מער גיין פאראשוטן איך בין אזוי טראמאטיזירט פון דעם.

"ווייסטו וואס" געבט ער מיר א פרעג "אפשר ווילסטו אפקויפן מיינע פערעשוטס? איך האב צוויי פיינע שטיק האסט עס דא אין בעק פון די קאר, איך געב עס דיר פאר האלב פרייז, איך זאג דיר ס'איז א ווילדע מציאה!"

זייט מיר מוחל אבער פערעשוטן איז נישט מיין זאך, איך זע נישט אז איך זאל קענען האבן נוצן פון דעם, בכלל איז עס זייער מסוכנ'דיג, איך זוך נישט קיין צרות.

זיי נישט קיין נאר דו ווייסט ווי סעיף ס'איז? דאס איז די בעסטע סחורה אויף די מארקעט וואס איז דא צו באקומען, אזא געשעפט גייט דיר נישט נאכאמאל אונטער קומען אזוי שנעל... איך זאג דיר כאפ עס...

ס'איז סעיף בכלל? ווי אזוי ארבעט עס?

אה זייער פשוט, דו פליסט ארויף הויעך מיט א קליינע עראפלאן, נאכדעם לאזט דיר דער עראפלאן אראפ, מ'פליעט אביסל, דערנאך געבט מען א דריק א קנעפל אויף די לינקע פלייצע, די פערעשוט עפענט זיך אויף און מ'ענדשויט זיך, מ'האט פאַן, מ'האקט א לעבן!

און וואס געשעט אויב דרוק איך דעם קנעפל און די פערעשוט עפענט זיך נישט?

אה דאן איז דא א שטריק אויף די רעכטע זייט וואס איז פאר בעקאפ, על כל צרה שלא תבוא געבט מען דארט א שלעפ, און די פערעשוט עפענט זיך א מחי'!

פששש זייער אינטערעסאנט. יעצט וואס פאסירט אויב וועל איך שלעפן די שטריק און ס'וועט זיך נאכאלץ נישט עפענען?

אה דאן וועל איך דיר געבן א נייע....

דו הערסט וואס דו זאגסט?

איינמאל איך פלי שוין אראפ ביזן תהום אריין איז שוין צו שפעט מיך צו געבן א

נייע, יעצט וועט עס מיך שוין נישט העלפן, נאכדעם וואס איך וועל אראפקראכן און א פערעשוט קען מען נישט דורכלעבן בדרך הטבע.

1. נוץ דיין שכל, דו זיצט ביים צדיק גיי ארום ראטעווען מענטשן ס'איז דא אזוי פיל פארלוירענע מענטשן וואס דו קענסט ראטעווען ממות לחיים ממש. א מענטש דארף נאר האבן די שכל זיך נישט אויפוועקן איינמאל ס'איז צו שפעט, איינמאל די פערעשוט קראכט שוין.

2. די לימודים און דעם רבינ'ס עצות לערנט אונז דער ראש ישיבה אויס אז דאס דארף מען אריינלייגן אין די קינדער גראד ווען זיי וואקסן אויף, דער ראש ישיבה האלט אין איין חזר'ן אז די עיקר ביי אים איז די קינדער און אז די עלטערן וועלן זיך מיטכאפן איז אויך גוט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט, ער האט מיטגעהאלטן א שבת ביי זיין טאטע דער קארלסבורגער רב שליט"א אין מירון, האט הרה"ג ר' גמליאל ראבינאוויטש שליט"א אויפגעטראטן מיט אפאר ווערטער און ער האט גערעדט צו די קארלסבורגער חסידים אז זיי זאלן נישט זאגן פאר די קינדער "מעה אמאל איז געווען א צדיק דער קארלסבורגער רב זכרונו לברכה און היינט איז גארנישט דא, נאר זיי זאלן ווייזן פאר די קינדער אז דער רב איז אן ערליכער איד א צדיק, מ'זאל האלטן א קשר, אזוי וועלן די קינדער אויפוואקסן ערליך" און ער האט אויסגעפירט מיט גאר שטארקע ווערטער: "און אין איינוועגס וועלן די עלטערן אויך ווערן ערליכע אידן".

3. אויב האבן מיר שוין יא זוכה געווען צו קענען זיצן דא ביים צדיק אין היכל הקודש דארפן מיר זען צו שיין מאכן דעם רבינ'ס נאמען און דאס איבערגעבן פאר נאך אידישע קינדער וואס ווארטן אזוי שטארק צו וויסן א ריכטיגער וועג אין לעבן. דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט ביי א שמועס אז דאס וואס מוהרא"ש האט איינגעפירט צו לייגן איבעראל א ברסלב'ער קרוין, דאס איז נישט קיין פאמפע מיטל צו ווייזן אז איך בין גרויס איך בין מעכטיג, דאס האט מוהרא"ש געטון צו שיין מאכן דעם רבינ'ס נאמען אז דער רבינ'ס נאמען זאל נישט זיין אזוי פארשעמט.

4. גיי הפצה ווילאנג עס איז נאך דא פאר וועמען, באלד וויל ער שוין נישט הערן פון דיר.

5. פארקויף נישט קיין פראדוקט פאר יענעם ווען דו ווייסט אז דיין חבר איז געשטארבן פון דעם נישט צו לאנג צוריק. שכח אייבערשטער אז מיר זענען זוכה צו קענען זיין מקורב צום צדיק, מיר האבן גאר גוטע פראדוקטן וואס צו פארקויפן ווייטער. הייליגער באשעפער העלף אז גאנץ כלל ישראל זאל וויסן פון הייליגן רבי'ן און אנהייבן לעבן א געשמאק לעבן מיט'ן אייבערשטן.

פארגאנגענעם פורים האט דער ראש ישיבה גע'חזר'ט עטליכע מאל אז מקורב צום צדיק מיינט "רעדן צום אייבערשטן" דאס מיינט התקרבות לצדיקים מיר דארפן נאר זען ווי אזוי מיר קענען שיין מאכן דעם רבינ'ס נאמען, אזוי ווי דער הייליגער רבי שרייבט אין ספר המידות מי שאוהב את הצדיק, צריך לשמר את הצדיק שלא יצא עליו שם רע, אז נאך מענטשן זאלן קענען זוכה זיין אנצוקומען צו די הייליגע לעכטיגקייט וואס דער רבי שיינט אין אונז אריין.

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!



# כל דצריך...





# $150,000

## מיר מוזן דאס יאר שאפן לכל הפחות

**מיר ווענדן זיך צום ברייטן ציבור אנ"ש:** העלפט אונז ארויס אין די הייליגע קריטישע ארבעט! און בשכר זה זאל אייך דער רבוש"ע אייך באשערן מיט עושר ואושר, אך טוב וחסד כל ימי חייכם, איר זאלט זיך שטענדיג געפינען אויפן צד הנותן און קיינמאל נישט דארפן צוקומען לידי מתנת בשר ודם. מיר זאלן זוכה זיין צו זיצן אינאיינעם, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בירושלים הבנויה. **השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל.**

**גאנץ יו"ט $1800** | **ליל הסדר $360** | **סעודת יו"ט $180**

רופט אריין מיט אייער נדבה און זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

aimcreatives.co



באחד באדר משמיעין על השקלים:

# זיי דארפן א מלמד.

כדי דער מלמד זאל לערנען מיט די קינדער מיטן פולסטן ישוב הדעת, פאדערט זיך אז זיין געהאלט זאל אנגיין אן קיין אפשטעל. צוזאמען וועלן מיר ארויסהעלפן דער ראש ישיבה זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די הייליגע מוסדות אין ארץ הקודש על טהרת הקודש, ביתר שאת וביתר עוז.

רופט היינט מיט אייער ברייטהארציגע שטיצע.

דער ראש ישיבה שרייבט אין ספר עצתו אמונה:

"ווען מען וויל פועלן א ישועה – וועט מען לייגן צדקה אין די פושקע פון רבי מאיר בעל הנס, פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות, און מען וועט זען א ישועה."

347.466.2410

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש

אלקא דמאיר ענני

marketedge • 718.207.8863

# ביים ראש ישיבה
## אין כתה

מיר קענען דעם ראש ישיבה היינט צוטאגס אלס דער באקאנטער ראש ישיבה. לאמיר צוריקגיין צום יאר תשס"ה, ווען דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן אלס א מלמד פאר קינדער. פארציילט דורך א געטרייער תלמיד **מו"ה יחזקאל סאמעט שליט"א** וואס איז היינט אליין א מלמד אין תלמוד תורה קרית ברסלב.




נפתלי הירצקא וואלנער

**א גוטן ר׳ יחזקאל, וואס זאגט איר עפעס גוטס?**

א גוטן נפתלי הירצקא, עס איז מיר א כבוד אז איך קען געבן א אינטערוויא פאר אזא חשוב׳ע ברסלב׳ע אויסגאבע וואס איך אליין בין זיך מחי׳ מיט דעם יעדע וואך, ספעציעל מיט דיינע ארטיקלען. יעדע וואך ברענגסטו ארויף א צווייטן, עס איז זייער אינטערעסאנט צו ליינען.

**ברוך השם, א גרויסן שכח. לאמיר אריינגיין אינעם שמועס, זייט ווען קענט איר זיך שוין מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א?**

שכח אייבערשטער אז דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט ברוב רחמיו וחסדיו און מיך מקרב געווען צו אזא ראש ישיבה, איך פרוביר זיך צו קענען מיטן ראש ישיבה יעדן טאג פון פריש. איך האב געלערנט ביים ראש ישיבה די ערשטע יאר וואס דער ראש ישיבה איז געווען מלמד, דאס איז געווען ווינטער שנת תשס״ה, איך האב דאן גאר אסאך קונה געווען ברוך השם. צו זיין מער פונקטליך האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן מלומדות חודש אלול תשס״ד, און שוין דעמאלט האט ער אנגעקניפט א שטארקע קשר מיט די תלמידים פון יענע יאר.

**וואס קענט איר פארציילן פון אייערע זכרונות קעמערלעך פון די יארן אלס תלמיד אין חדר ביים ראש ישיבה שליט״א?**

(ר׳ יחזקאל פארקנייטשט זיך דאס שטערן און הייבט אן צו אנטפלעקן זיין לעבנס סוד.)

איך גיי דיר זאגן א זאך וואס איך האב נאך פאר קיינעם נישט פארציילט - זאגט ר׳ יחזקאל - דער עולם קוקט מיר אזוי אן היינט אלס סוקסעספולער מלמד, אבער וויסן זאל מען אז ביי די צען עלף יאר האב איך אפגעמאכט צו זיין אינגאנצן אנדערש ווי איך בין היינט, איך האב אפגעמאכט וועלכע לעבן איך וויל, און וועלכע שריט איך גיי טון דערצו, קיינער גייט מיר מער נישט זאגן וואס צו טון. איך האב געטראכט מיט מיין קינדערישע שכל אז איך גיי מיך אפטראגן קיין ארץ ישראל אָן איבערלאזן פיס טריט אויף די אמעריקאנע באדן, און דארט האב איך געטראכט צו טון וואס מיין הארץ באגערט... ווייל איך האב געמיינט אז די פרייע זיי האבן די גליק, זיי האבן די פרייליכע לעבן, מיט די דאזיגע פעסטע החלטה בין איך דורך מיינע חדר יארן.

איך בין אריין לערנען ביי דער ראש ישיבה אין כיתה ט׳, און איך האב געטראכט אז איך גיי מיך נישט לאזן פון דעם נייעם מלמד דער ׳פרימאק׳ מיטן גרויסן היט מיט שווארצע גלעזער און שווארצע זאקן, דאס איז דאך פונקט פארקערט פון מיינע אגענדעס, איך האב בכלל נישט גורס געווען דער נייער רבי ביז צוויי חדשים אריין אין זמן.

זה היום עשה ה׳, אינעם טאג ג׳ טבת תשס״ה האט דער אייבערשטער רחמנות געהאט אויף מיר און מיר געשיקט א רוח טהרה, מיין הארץ האט זיך ענדליך געעפענט און איך האב אנגעהויבן ווערן זיין גוט.

(ר׳ יחזקאל ווערט עמאציאנאל זיך דערמאנענדיג די מצבים פון יענע יארן.)

איך האב זייער איבערגעבעטן דעם אייבערשטן פארן פלאנען אזעלכע סטראטעגיעס. מיין ערשטע שריט איז געווען; אינמיטן דאווענען שחרית האב איך זיך אויפגעשטעלט פון מיין פלאץ און איך האב זיך געזעצט די נענסטע צו די רבי - וואס ביז דאן בין איך דווקא געזיצן די ווייטסטע - דער רבי קוקט מיר אן שטרענג ׳מען קען נישט טוישן קיין פלעצער אליין׳, אבער איך האב זיך נישט צוטון געמאכט, איך האב שוין געהאט געביטן מיינע פלענער, און פון יענע מינוט האב איך געטוישט דירעקציע. מיין פרייליכע לעבן האט זיך דעמאלט אנגעהויבן, און גייט נאך ביז היינט צוטאגס.

**זייער אינטערעסאנט דאס צו הערן. ווי אזוי קענט איר אראפגעבן פאר די ליינער ווי אזוי א כיתה מיט דער ראש ישיבה שליט״א האט אויסגעזען?**

מיר זענען געווען פערצן קינדער, מען איז געזעסן ווי א ח׳. אפיציעל האט זיך חדר אנגעהויבן זיבן דרייסיג, אבער דער ראש ישיבה האט געמאכט א פראגראם פון פארטאגס אז מען זאל שוין קומען לערנען אין בית המדרש זעקס דרייסיג, וואס דאס האט נאכגעפאלגט מיט א באלוינונג, א טריפ סוף יאר צו די שטורעמישע ניאגרא וואסער פאלן, אזוי אויך קיין טאראנטא מיטצוהאלטן ווי אזוי מען שחט גרויסע בהמות. עס איז געווען גאר אינטערעסאנט מיטצוהאלטן די אויספלוגן און עס האט זיך געלוינט די יגיעה פון אויפשטיין פארטאגס.

שחרית איז געווען זיבן דרייסיג אין ישיבה, נאכגעפאלגט מיט פרישטאג, ניין אזייגער איז געווען שיעור עיון, אבער ווי מען לערנט מיט כיתה ט׳ בחורים, גמרא רש״י תוספות, און אמאל אויך א מהרש״א. עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן ווי אזוי איך קוק עס היינט אן מיט א מלמד׳ס פערספעקטיוו, ווען א אינגל אין חדר האט געפרעגט פון דער רבי א קשיא האט אים דער רבי קודם געהייסן מסביר זיין די קשיא, און דערנאך געזאגט די תירוץ, ער האט נישט גלייך געזאגט די תירוץ ווען דער אינגל האט נאכנישט ארויס זיין קשיא. מען האט פארגעלערנט און גע׳חזר׳ט ביז איינס אזייגער מיט א קורצע איבעררייס פון פופצן מינוט, דערנאך איז דער ראש ישיבה אוועקגעגאנגען, און נאכמיטאג איז געקומען א צווייטע מלמד.

איך געדענק אז צוויי וואכן איז דער נאכמיטאג מלמד געפארן אויף אפרו, און דער ראש ישיבה איז געווען מלמד יענע צוויי וואכן די גאנצן טאג. איך געדענק אז עס איז געווען פרשת תרומה און תצוה, דער ראש ישיבה האט אויפגעלעבט די לימודים ווייזענדיג די כלי המשכן, און די קינדער האבן געדארפט צוזאמשטעלן די קרשים און מאכן א משכן אזש אונז האבן זיך געשפירט ווי בצלאל אליינס, עס איז מיר אזוי גוט אריין אין דיביינער, אז עד היום בין איך אויסגעקאכט אין די רש״י׳ס פון יענע פרשיות.

אויך געדענק איך אז ווען דער ראש ישיבה איז אוועקגעפארן אויף צוויי וואכן קיין מירון אין די צייט פון ל״ג בעומר, האט דער ראש ישיבה דעמאלט אהיימגעברענגט פאר אלע תלמידים א הערליכע חלה דעקל מיט די נאמען, וואס איך ניץ נאך ביז היינט און עס איז מיר זייער באליבט. אויך סוף יאר האט דער ראש ישיבה געגעבן פאר יעדע תלמיד א מחזור תפילה בכוונה פאר די הייליגע טעג וואס עס ווערט נאך גענוצט אויף ראש השנה אין אומאן.

איך געדענק אז יעדע שיעור האט דער ראש ישיבה קודם אנגעהויבן מיט א מעשה פון א צדיק, מיר האבן אזוי געלעכצט צו הערן נאך מעשיות, מיר האבן פרובירט אריינצודרייען דעם רבי׳ן אין שמועסן אז ער זאל פארציילן נאך באלערנדע סיפורי צדיקים.

וואס איך וויל יא איבערגעבן פאר די ליינער - בעט זיך ר׳ יחזקאל אז די דאזיגע שורות מוזן געדרוקט ווערן - דריי זאכן האט מיר זייער געכאפט אין אנפאנג ביים ראש ישיבה שליט״א וואס איך וויל זייער שטארק איבערגעבן פאר די חשובע ליינער.

א. די אמונה און די יראת שמים וואס דער

ראש ישיבה האט אזוי שטארק אריינגעלייגט אין אונז, אלעס אין כיתה איז געלאפן ארום דעם, און עס האט זיך גוט געשפירט.

ב. די הארץ און געפיל וואס דער ראש ישיבה האט אריינגעלייגט ביי יעדע ריר אין כיתה, יעדע קינד איז באהאנדלט געווארן ווי א בן יחיד. דאס איז געווען ביי מיר די ערשטע יאר וואס איך האב געשפירט אן אמת'ע הצלחה, און דאס איז געווען די אורזאך פארוואס איך האב געטוישט דירעקציע, ווייל איך האב געזען ווי דער וואס געבט מיר איבער די אמונה וויל באמת זען מיין הצלחה, נישט נאר אין כיתה נאר אויך אויף מיין גאנצע לעבן.

ג. די דריטע זאך וויל איך זאגן, חז"ל זאגן אונז 'כל מי שיש בו יראת שמים דבריו נשמעים', ווער עס האט יראת שמים ווערן זיינע ווערטער אויסגעהערט. דאס איז טאקע געווען די סיבה פארוואס די ווערטער פונעם ראש ישיבה האט מיר און אלע תלמידים געטוישט צום גוטן, ווייל אז דער רבי האט יראת שמים גייט עס נאכדעם אריין אין די תלמידים.

ר' יחזקאל לייגט צו גאר א וויכטיגע נקודה; מ'זאל נישט יעצט טראכטן אז איך האב עפעס מער באקומען ווייל איך בין דא דער סאמע ערשטער, ניין! יעדער קען אויך היינט זוכה זיין צו אלע שיינע זאכן, אויב וועט ער נאר צוהערן און בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל קענען פאלגן, מען האט נאך גארנישט פארפאסט...

**ווען זענט איר למעשה געוואויר געווארן אז דער ראש ישיבה האט שייכות מיט ברסלב?**

אלס קינד האב איך טאקע קיינמאל נישט געוויסט און עס האט מיר קיינמאל אינטערעסירט. איך געדענק אפילו א מעשה אז עטליכע קינדער זענען צוגעקומען צו מיר מיט א ספר "חיי מוהר"ן" און זיי זאגן מיר "קוק חזקי פון דא נעמט דער רבי אלעס וואס ער זאגט אונז, אין דעם ספר שטייט אלעס וואס ער רעדט". איז מען עס געגאנגען ווייזן פארן רבי'ן "קוק רבי', דער רבי רעדט פונעם הייליגן בעל שם טוב ער פארציילט פונעם הייליגן רבי רבי אלימלך, און דא אין עפעס א ספר חיי מוהר"ן שטייט אלעס". האט דער רבי עס אוועקגעמאכט, זאגענדיג "עס איז נישט פונקט דאס, עס קען זיין אז אין ברסלב רעדט מען אויך די זעלבע זאך"... דער ראש ישיבה האט געטראפן אין ספר 'עבודת פנים' פון סלאנים, וואס רעדט אויך זייער שטארק פון התבודדות ותפילה, פון חיזוק און פון

ר' יחזקאל אין יאר תשס"ה






זיך נישט מייאש זיין. דער ראש ישיבה האט אונז אויפגעוויזן אז ער האט גארנישט מיט ברסלב. דער ראש ישיבה פלעגט דעמאלט זייער אסאך זינגען מיט אונז דעם ניגון וואס דער אויבנדערמאנטער בעל מחבר האט געמאכט, די דאזיגע תפילה ״רבונו של עולם איך בעט דיר זייער העלף אלע אידן און אויך מיר״ מען פלעגט עס קענען זינגען צען פופצן מאל, מיט אזא דביקות וואס איך קען נישט אראפגעבן אויף פאפיר, עס האט ממש אריינגעגלידערט די ריינע אמונה אין די ביינער, דאס איז געווען דער ראש ישיבה׳ס אמונה ניגון, ווייל עס איז נאכנישט געווען דעמאלט צו סאך אנדערע ניגונים אויף אמונה וואס איז היינט דא.

**ווי אזוי האט איר ווייטער אנגעהאלטן קשר מיט דער ראש ישיבה?**

לאמיר קודם צוריקגיין אביסל פון אנפאנג כדי צו פארשטיין וויאזוי עס איז געפארן ביז היינט. תשס״ו בין איך אריין אין ישיבה קטנה פון די חסידות, אבער די ישיבה האט זיך אויפגעלעזט, עס איז נישט געווען שיעור ב׳, במילא בין איך אריין לערנען אין נייטרא מאונט קיסקאו. דעמאלטס האט מיין מאמע תחי׳ גערופן דעם ראש ישיבה אז דער ראש ישיבה זאל מיך רופן לאדענען פאר א סעודה אדער פאר א מלוה מלכה, דעמאלט האב איך צוריק אנגעהויבן האבן קשר מיט דער ראש ישיבה. דער ראש ישיבה איז געזעסן שעות אויף שעות און געשמועסט מיט מיר, מחזק געווען, געזינגען מיט מיר, איך האב שפעטער צוריק געטראכט אז אין די צייט וואלט דאך דער ראש ישיבה געקענט ענדיגן בלעטער גמרא און פארברענגען מיט זיין משפחה, דער ראש ישיבה האט אלעס געלייגט אין א זייט, דער ראש ישיבה האט זיך באמת מוסר נפש געווען פאר מיר, און איך וועל עס קיינמאל נישט פארגעסן. דאס וואס איך טו היינט מיט די קינדער אז איך געב זיך אזוי איבער אריינצוברענגען אין זיי דער אייבערשטער, איז ווייל איך פיל אז דא קען איך אביסל צוריקגעבן ׳הכרת הטוב׳ וואס דער ראש ישיבה האט מיט מיר געטון.

דער ראש ישיבה האט מיר דאן געשריבן זייער א שיינע לאנגע בריוו פון צען זייטן פיל מיט חיזוק און הדרכה, אמונה און התבודדות, און סדר דרך הלימוד, אלעס אן דערמאנען קיין איין מאל דאס ווארט ״ברסלב״. אנשטאט שרייבן ״דער הייליגער רבי״, האט ער געשריבן ״דער הייליגער בעל שם טוב״ און דאס גייט לכאורה זיין פון די ערשטע בריוון אין ספר ׳איש אמונות׳ (זעט דעם בריוו בייגעלייגט).



דער ראש ישיבה אויף א אויספלוג מיט די תלמידים
מערקט מו״ה מרדכי היימליך הי״ו אינעם פליגער

ל״ג בעומר תשס״ה מיט די תלמידים
מערקט דעם ראש ישיבה אויפן רעכטן זייט





דער ראש ישיבה מיט די תלמידים טאנצן
פרייליך אין יאר תשס״ה

דעם קומענדיגן יאר תשס"ז פסח זמן האט זיך צוריק געעפענט יענע ישיבה און זיי האבן אויפגענומען דער ראש ישיבה אלס מנהל. איך האב אבער נישט געקענט אוועקגיין פון נייטרא אינמיטן א יאר, בין איך שוין געבליבן דארט ביז סוף זמן, און תשס"ח בין איך צוריק געגאנגען לערנען ביים ראש ישיבה. יענע יאר האט דער ראש ישיבה געדארפט זייער שטארק שפילן מיט די בחורים, ווייל פון איין זייט האט מען געטון אלעס וואס דער ראש ישיבה זאגט היינט, אבער פון די אנדערע זייט האט דער ראש ישיבה געדארפט אבאכט געבן מען זאל נישט כאפן אז ער האט שייכות מיט ברסלב, און ער לערנט אויס די תלמידים די לימודים.

איך געדענק גאר אן אינטערעסאנטע ספעקטאקל וואס האט זיך אפגעשפילט יעדן טאג, דער ראש ישיבה - אלס מנהל - האט געזאגט פאר אלע מגידי שיעור "עטץ מוטשעט זיך מיט די בחורים די לעצטע שעה פון טאג, איך נעם אויף מיר אלע אכציג בחורים זיי צו האלטן פארנומען די לעצטע שעה פון טאג, עטץ קענטס אלע אהיימגיין". זיי האבן זיך זייער שנעל צוגעכאפט דערצו, דעמאלט האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א פרק משניות, און נאך די שיעור האט דער ראש ישיבה גערעדט צו די בחורים די אלע זאכן וואס דער ראש ישיבה רעדט היינט ביי די דרשות. דער ראש ישיבה האט געזעצט א בחור נעבן די טיר, וואס ער איז געווען געשטעלט צו הערן פון א שטאק אראפ אויב איינער קומט, טאמער ער האט געהערט א טיר עפענט זיך, האט ער גלייך געגעבן א ווינק פאר דער ראש ישיבה און דער ראש ישיבה האט גלייך געביטן די נושא, ביז זאכן האבן זיך אויסגעקלארט. אזוי איז עס אנגעגאנגען טאג איין טאג אויס, ווען דער ראש ישיבה גייט צווישן די טראפן.

**ווען זענט איר געוואויר געווארן אז דער מנהל נעמט זיין גאנצע חיות פון ברסלב פון מוהרא"ש?**

פאר די זומער בין איך געוואויר געווארן פון צוויי בחורים שאולי גאנץ נ"י און ברוך מרדכי פעקעטע נ"י און פון נאך עטליכע חברים וואס פלעגן זיך כסדר מחזק זיין אינאיינעם, אז דער ראש ישיבה נעמט גאר אלע חיזוק פון א חשובער רב פון ברסלב וואס וואוינט אין בארא פארק, וואס זיינע ארומיגע רופן אים "מוהרא"ש". איך געדענק אז איין טאג האב איך געזאגט פארן מנהל אז איך דארף גיין צו א דאקטער, אבער איך בין געפארן קיין בארא פארק צו מוהרא"ש, כדי צו וויסן ווער דאס איז. איך קום צוריק


סיום הש"ס פון ר' יחזקאל נ"י אין ישיבה תש"ע


דער ראש ישיבה מיט די תלמידים אין יאר תש"ע


ר' יחזקאל ביים זיך ארויסגעבן אויף כלי שיר

אין ישיבה און דער מנהל פרעגט מיך "וועלכע דאקטער ביסטו געווען" האב איך געענטפערט "דער מנהל זאגט אז א צדיק איז א דאקטער", וואס הייסט? האב איך געזאגט "איך בין געווען ביי מוהרא"ש". אנדערש ווי ערווארטעט האט דער מנהל נישט געמאכט קיין שום וועזן, נאר מיך אריינגעשיקט אין כיתה כאילו לא היה...

אן אינטערעסאנטע ספעקטאקל וועל איך דיר דערציילן וואס איך געדענק פון זעכצן יאר צוריק ביי די שמחת השלום זכור פון דער ראש ישיבה'ס זון הרב שמעון שליט"א וואס איז פארגעקומען אין בית המדרש פון די קהילה, עס זענען געווען דארט דריי אינגעלייט מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו און מו"ה יצחק ראזענבערג ע"ה, איך האב זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן, און זיי האבן אזוי גערעדט פונעם אייבערשטן פון מעשיות פון תפילה, אזש מיין הארץ האט אנגעהויבן ברענען צום אייבערשטן וועלנדיג אויך זיין אין די הייליגע חבורה וואס זעט אויס ווי רבי שמעון בר יוחאי מיט זיין זון אלעזר אין די מערה און רעדן פונעם אייבערשטן.

איך געדענק אז מוהרא"ש איז אמאל געזעסן שבעה נאך זיין ברידער הגה"צ מ'טאקיי זצ"ל בין איך מיט נאך א בחור געגאנגען מנחם אבל זיין מוהרא"ש, אינמיטן זיצן דארט באמערקן אונז נישט קיין צווייטער ווי איינער פון די הנהלה קומט אריין... א סקרוך איז אונז דורכגעלאפן אין דיביינער... מיר האבן געכאפט הענט און פיס און אנטלאפן דורכן פייער עסקעיפ פון די פענסטער און אפגעטראגן פון שטח... איך געדענק אז די בחורים פון מוהרא"ש'ס ישיבה האבן זיך געווארפן פאר געלעכטער פון דאס וואס זיי האבן מיטגעהאלטן.

יענע יאר שבועות געדענק איך האט מיר דער ראש ישיבה געפרעגט וואו איך פלאן צו דאווענען, האב איך אים געזאגט אז איך וויל דאווענען ערגעץ ביי א מנין ותיקין, האט ער מיר געזאגט אז ער פלאנט אויך צו דאווענען ותיקין דא אין א שול, אזוי בין איך אנגעקומען דעמאלט צו דאווענען אין בית המדרש היכל הקודש.

איך געדענק איינע פון די ערשטע מאל וואס איך האב זוכה געווען צו זען מוהרא"ש איז געווען יענע יאר סוכות ביי שמחת בית השואבה, איך בין צוגעגאנגען נעמען א ברכה, און מוהרא"ש פרעגט מיר "וועלכע ברכה דארפסטו?" "איך וויל זיין פריילך" האב איך געענטפערט, האט מוהרא"ש



ר' יחזקאל ביים זיצן און לערנען אין ישיבה



ר' יחזקאל נעמט א ברכה פון מוהרא"ש ביי חנוכה לעכט צינדן



אומאן מיטינג אין שטוב פון ר' יחזקאל

געזאגט: "אזא ברכה קען איך דיר נישט געבן, דארפסט אליין ארבעטן אויף דעם". האב איך געבעטן "איך דארף א ברכה צו זיין אן ערליכע איד", האט מוהרא"ש מיר געזאגט בצהלת פנים "דאס קען איך דיר געבן" און ער האט מיר געווינטשן "דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט חתונה האבן אינג און זיין אן ערליכער איד".

אין יאר תשס"ט האט מען מיך געשיקט לערנען אין 'ישיבת תורת חסד' אין לאנדאן, בשעת וואס דער ראש ישיבה האט שוין דאן געעפענט די ישיבה אונטערן נאמען 'תפארת צבי' [גארנישט מיט ברסלב..] [עיין במכתב שכתב מוהרא"ש להראש ישיבה ערב יום כיפור תשס"ט] איך האב נישט געהאט דאן די שטארקייט צו גיין קעגן די שטראם, און כדי צו זיין פארזיכערט האבן מיך עסקנים פארשיקט לערנען קיין אויסלאנד, אבער איך האב ווייטער אנגעהאלטן א שטארקע קשר מיט מיין רבי דער ראש ישיבה שליט"א.

דעם קומענדיגן יאר תש"ע בין איך ברוך השם אריין אין ישיבהביים ראש ישיבה שליט"א, עס האט שוין דאן געהייסן אפיציעל ישיבת תפארת התורה ברסלב, עס איז דאן געווען סטאנציאנירט אין בית המדרש קלעסאן אויף פרענקלין עוועניו, איך געדענק אז איך האב דעמאלטס גענומען דעם רבי'נס דרך הלימוד אויף גאר א שטארקע פארנעם, איך האב געענדיגט גאנץ משניות יעדע וואך! און אויך האב איך געענדיגט יענעם יאר גאנץ ש"ס! דאס איז מן הסתם געווען פון מיינע בעסטע יארן אלס בחור.

***

**זייער אינטערעסאנט. לאמיר יעצט אריבערגיין צו די מלומדות, ווען האט איר אנגעהויבן טון אין די פעלד פון חינוך?**

אלס בחור זומער תש"ע איז מען געווען אין עקבי הצאן קעמפ און דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט אויב איך וויל זיין מיט די עלטערע כיתה פון צוויי ביז פיר פארלערנען אביסל חומש רש"י און מאכן פראגראמען מיט די קינדער. אזוי האט זיך אנגעהויבן מיין קאריערע פון זיין מיט קינדער און זיי אריינלייגן אמונה.

דעם קומענדיגן יאר תשע"א איז די ישיבה געווען אין בארא פארק אין ביאלא בית המדרש, און די חדר איז געווען אינעם בעיסמענט פון הרב רבי יצחק לעזער שליט"א אין בארא פארק, בין איך געגאנגען זיין א מלמד פאר אפאר שעה א טאג. אויך שפעטער ווען די חדר האט זיך אריבערגעצויגן און 27 סקילמען בין איך ווייטער געווען א מלמד נאכמיטאג. שפעטער בין איך ענדליך א חתן געווארן למזל טוב [אגב בין איך געווען דער צווייטער חתן פון די סגולה פון מסכת תענית וואס מוהרא"ש האט געזאגט אין בארשע קעמפ תשע"א] איך האב חתונה געהאט און געגאנגען וואוינען קיין קרית יואל. מיין טאטע האט מיר אריינגענומען אין די ארבעט פון אינסטאלירן קיטשענס. אינמיטן זומער האט מיר דער ראש ישיבה געפרעגט אויב איך וויל זיין א מלמד פאר די קומענדיגע זמן, איך האב עס ברוך השם גלייך אנגענומען. איך בין אריינגעפארן מיט די באס יעדן טאג אויף וויליאמסבורג, איך בין געווארן מלמד און די עלטסטע כיתה. שפעטער האב איך געמופט קיין וויליאמסבורג און היינט וואוין איך אין 'קרית ברסלב ליבערטי' ווי איך בין א מלמד אין די עלטסטע כיתה פון חדר.

**וואס איז אייער ספעשעלטי אלס מלמד?**

מיין ספעשעלטי איז אז איך בין יעדן טאג אסאך מתפלל באזונדער פאר יעדע קינד'ס הצלחה, און אלעס וואס דער ראש ישיבה האט אין מיר אריינגעלייגט פרוביר איך אריינלייגן אין מיינע תלמידים. אז דער ראש ישיבה האט געקענט נעמען א צוועלף יעריג אינגל וואס האט שוין אפגעמאכט צו אפלאזן די תורה וועג, און אים געמאכט וועלן זיין אן ערליכער איד, בין איך זיכער מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אז דאס קען מען טון מיט יעדע קינד.

**אין חדר געבט מען אויך אוועק צייט פאר סדר דרך הלימוד?**

אנהייב איז געווען אויסגעשטעלט אז מ'האט אוועקגעגעבן צייט צו זאגן משניות און גמרא, אבער היינט פארשטיי איך פון דער ראש ישיבה און פונעם מנהל הרב ר' מרדכי אינדיג שליט"א אז מען זאל לערנען אין חדר די לימודים וואס מען דארף לערנען מיט קינדער. אבער איך רעד זייער אסאך צו די קינדער פונעם סדר דרך הלימוד, אזש קינדער נעמען זייער פרייע זמנים און ניצן עס אויס מיטן דרך הלימוד און לערנען גוזמאות תורה ברוך השם.

**ווי אזוי האט איר געקענט פון זאגן משניות און גמרא אנהייבן פארלערנען פאר כיתה ט' גמרא רש"י תוספות?**

הירצקא! אז מ'פאלגט דעם רבי'ן בתמימות ובפשיטות ווערט די תורה אפן, ווייל נאכדעם וואס דער ראש ישיבה האט געעפענט מיין הארץ און אנגעדרייט מיינע רצונות אויפן העכסטן גראד, בין איך נאך אלס געבליבן דער שוואכסטער אינגל פון כיתה ט' - איך האב גארנישט פארשטאנען, אבער איך האב גענומען דעם רבי'נס עצות ערנסט, און איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן. היינט בין איך דער איינציגסטער מרביץ תורה פון די אלע פערצן קינדער פון יענע כיתה...

**זייער שיין צו הערן! און צום לעצט, א ווארט פאר די ליינער.**

אז מען פאלגט דער ראש ישיבה אן קיין שכל המדומה קומט מען אן זייער ווייט אין יעדן הינזיכט, קוקטס מיר אן היינט, איך האב אמאל נישט געהאט קיין הוה אמינא אז פון מיר וועט אויסוואקסן אפילו א ברעקל פון וואס איך בין היינט, נאר וואס דען? איך האב געפאלגט דער ראש ישיבה און אנגענומען אלעס וואס דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט צו טון, און אז מען וועט פאלגן דעם רבי'ן וועט מען זוכה זיין צו שיינע זאכן.

**א גרויסן יישר כוח פארן אראפגעבן פון אייער פארנומענעם סדר היום איר זאלט האבן א חג כשר ושמח!**

טייערע ליינער; אי"ה אויף פסח קומט א פארזעצונג שמועס מיט מו"ה יחזקאל סאמעט שליט"א אלעס ארום הצלה, ווי ר' יחזקאל דינט אלס א פאראמעדיק.

אויך אויף ראש השנה האפט מען צו האבן א שמועס איבער אלע היסטאריע פון א קליינע דירה אין קרית ברסלב אומאן, ביז ווי אזוי עס איז געווארן אזוי אהערגעשטעלט מיט איבער זעקס הונדערט אידן... ווארט מיט שפאנונג.

## בייגעלייגט דעם היסטארישע בריוו וואס ווערט דערמאנט אינעם שמועס: (פון אויבן אראפ)





מיר העלפן ארויס משפחות פון
אנשי שלומינו וואס דארפן
צוקומען צו הילף א גאנץ יאר
בדרך כבוד מיט לעקטער,
הייצונג, רענט / מארגעדש,
עסן, קליידונג, און נאך אסאך.

יצעט פאר פסח וועט מען
בעזרת השם אויסטיילן אסאך
געלט פאר משפחות און אויך
וועלן מיר אי"ה צושטעלן 50%
off ביי די שיך סטאר און די
דריי גודס סטאר דא אין שטעטל
פאר משפחות וואס ס'איז זיי
שווער צו צאלן דעם פולן פרייז.

מיר טיילן
געלט אן קיין
נאמען און אן
קיין לאגא.

# טייערע ברודער

עפנט אויף אייערע הערצער און העלפט ארויס
אנשי שלומינו רופט אלחנן חיים רוטה 845-898-1707

| | |
|---|---|
| $500 | זכות משפחה קטנה |
| $1800 | זכות משפחה גדולה |
| $5000 | זכות כל דכפין |

אויב איז אייך שווער צו צאלן דעם פולן
פרייז קענט איר אויסשניידן די קאופאנס

DRY GOODS
50% OFF
נאמען
טעל.

UPPER SHOES
50% OFF
נאמען
טעל.

amcreatives.co

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגע רבי האט געזאגט: פון א תעניג'ל פון פופצן מינוט קען א מענטש פארלירן**

א. זיין גאנצע עולם הבא
ב. זיין כבוד
ג. די וועלט און יענע וועלט
ד. זיין תפילין

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

ר' נתן האט געזאגט: א גוף וואס לערנט ליקוטי מוהר"ן

**וועלן די ווערעם אין קבר נישט קומען**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**חי' צירל פורסט - תחי' קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## קרית ברסלב בלעטל

## קינדער אפטיילונג

## טרעף די ווערטער

**דער הייליגער רבי האט אמאל בשעת'ן האלטן די מצה אום פסח זיך אנגערופן: "ווען מ'האלט די מצה אין דער האנט, האלט מען גאט אין דער האנט"; ווייל מצה איז א שטיק געטליכקייט און דאס ברענגט אריין אמונה אינעם מענטש.**

(עבודת אמונה פרשת ויקרא תשע"ח)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ח | ס | ח | פ | ז | נ | ר | ט | ז | ק | ז | מ | י | ע | ב |
| צ | ס | י | ד | ל | פ | ק | ז | י | י | ו | ט | ה | ק | ו |
| ב | ו | ח | ב | נ | ו | ע | ש | א | ו | ב | ש | ע | ת | נ |
| ק | ב | ו | ו | ת | ר | כ | כ | ו | ז | ו | ה | ע | א | ר |
| ל | ב | א | ס | מ | ע | נ | ט | ש | ו | א | ק | נ | ב | י |
| ת | ר | ר | נ | נ | ג | ט | פ | צ | ט | י | פ | י | ש | ז |
| כ | ע | ה | ש | ל | נ | ה | ק | ס | ט | נ | י | ס | ה | ב |
| ד | נ | ה | ע | ט | א | י | צ | ש | י | ע | י | ל | ו | ב |
| י | ג | א | ה | ר | ר | א | ר | מ | י | מ | ו | א | כ | מ |
| ק | ט | ל | מ | כ | ס | ה | ג | ע | ק | ו | צ | ו | ת | ר |
| ז | ל | ט | ס | ו | ה | ה | צ | ק | כ | ה | צ | מ | ז | ה |
| ה | א | נ | ס | פ | נ | פ | ה | י | י | ל | י | ג | ע | ר |
| מ | ה | ה | ר | ז | ו | ה | ק | ר | ל | נ | ג | ד | ש | מ |
| ו | א | א | ע | י | נ | א | ק | ד | ט | א | ג | פ | ד | ב |
| ש | כ | נ | ד | כ | ר | פ | ס | ח | ע | ל | ס | כ | ר | מ |
| ל | ע | ט | ר | י | נ | י | נ | ק | ג | ר | מ | ז | כ | ה |
| מ | ו | ד | י | ע | ב | א | א | י | ר | נ | ח | ט | ז | א |
| א | מ | נ | ו | ד | פ | ז | מ | ר | א | ט | נ | ק | י | ל |
| ז | ס | ו | צ | א | ק | צ | א | מ | ז | א | י | נ | צ | ט |
| ש | ב | ת | ע | ס | ה | א | ל | ב | ה | ג | ז | ס | פ | ש |

## טרעף די וועג

### טרעף די וועג צו די הייליגע מצה!





## שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

חלק שני

## ד. עַל יְדֵי שִׂנְאַת חִנָּם, נִכְשָׁל בִּטְרֵפוֹת.

אוֹיב הָאט מֶען שִׂנְאַת חִנָם, מֶען הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן פַּאר אוּמְזִיסְט, וֶוערְט מֶען נִכְשָׁל אִין עֶסְן טְרֵיפוֹת.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבי'ן פארהער

### וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?



### ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט פאר איינעם:
"דיין טאטנ'ס חכמות פירט אים אין שאול תחתית!"

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM




בית פיגא טבריה




עלטסטע קלאס בית פייגא קרית ברסלב




דינה יאקאבאוויטש - קרית ברסלב




חנה אפפעל- קרית ברסלב



נחמן נתן פרידריך - טאנץ מיט אמונה פארק



חנה אפפעל רייניגט פאר פסח

# מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה
# פַאר קִינְדֶער

**אדי הײמליך תחי' - קרית ברסלב**










**אסתר פריעדמאן תחי' - קרית ברסלב**









# בילדער

## אפטיילונג









די בחורים פון ישיבה ביים משמח זיין ביים הויז פון קארלסבורג׳ער רב שליט״א - פורים תשפ״ד



די בחורים פון ישיבה ביים משמח זיין אין אידישע הייזער - פורים תשפ״ד





די תלמידים זינגען ביים שושן פורים טיש





פרייליכע טענץ אין ישיבה - שושן פורים תשפ״ד





קריאת המגילה אין משתה ושמחה אין היכל
הקודש צפת - פורים תשפ״ד





מחצית השקל ביים ביהמ״ד אויף האשקי אין
שטעטל -תענית אסתר תשפ״ד



קריאת המגילה אין ביהמ״ד היכל הקודש
לאנדאן - פורים תשפ״ד



קריאת המגילה אין ביהמ״ד היכל הקודש
בראכפעלד מודיעין עילית - פורים צופרי תשפ״ד



קריאת המגילה פורים אינדערפרי אין ביהמ״ד
האשקי אין שטעטל - פורים תשפ״ד



שושן פורים סעודה אין שטעטל





שושן פורים פלעי אין ישיבה - שושן פורים תשפ״ד
















מו"ה יודא פייג הי"ו פון חברה הצלה דקעטסקילס ביים לייגן א מזוזה



דער ראש ישיבה ביים לייגן א מזוזה



דער דיין ביים לייגן א מזוזה







קביעות מזוזה ביים נייעם הצלה גאראדזש אין קרית ברסלב



קרעדיט: לייבי ראטה







דער ראש ישיבה באזוכט אין בית הדפוס




**דאנערשטאג נאכט שיעור אין ביהמ"ד אויף האשקי אין שטעטל**
**צוזאמען מיט מעמד התחלת כתיבת ספר תורה לע"נ רבינו נחמן בן פיגא**











קרעדיט שמעון פארטוגאל & לייבי ראטה





















קביעות מזוזהביים אפיס פון מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו אין שטעטל



א שמועס מיט די חברי הנהלה



איינמאליגע גורל געלעגנהייט
דער
ראש ישיבה'ס
תיקון הכללי
אויף קלף
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם
דער גורל וועט פארקומען ערב ראש השנה הבעל"ט
רעזערווירט היינט אייער זכות אינעם גורל 347.578.4449
$1000
א זכות
אינעם גורל
פאר יעדער $250
באקומט איר נאך
א זכות אינעם גורל